# ספר
# זכרון
# אוטבוצק
# קרצ'ב

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
ASTOR LENOX & TILDEN FOUNDATIONS


ספר זכרון
אוטבוצק
קרצ'ב

Is 8286

## YIZKOR BOOK IN MEMORY OF

# OTVOZK AND KARTSHEV

EDITOR: **SHIMON KANC**

Published by "Irgun Yotz'e Otvozk—Kartshev", 1968

נדפס בישראל, תשכ"ח    דפוס „חמרכז", תל־אביב




# ־בוך

**צו פאראייביקן דעם אנדענק פון די**
**חרוב־געווארענע יידישע קהילות**

# אָטוואָצק
# קארטשעוו

רעדאקטאר:
**שמעון קאנץ**

אַרויסגעגעבן דורכן „אירגון יוצאי אוטבוצק בישראל"
ביי דער מיטהילף פון די אָטוואָצקער און קאַרטשעווער לאַנדסמאַנשאַפטן
אין פראַנקרייך, אַמעריקע און קאַנאַדע

תל־אביב תשכ"ח 1968

# ועד הספר — בוך־קאמיטעט:

**ישראל איידלמאן**
**נתן געלבאַרד [נאָסקע]**
**שלום גאָלדשטיין**
**משה גאָלדשטיין**
**ישראל זלאטקאָווסקי**

**מאיר ירקוני, פּאַרזיצער**
**אריה לעדערמאַן**
**שמעון מאַרקוספעלד**
**משה פאניצמאן**
**משה רעכטמאן**
**שלום רעכטמאן**

PL 480

## תוכן הענינים

**העיר וקורותיה — די געשיכטע פון דער שטאט**
ועד הספר, ש. קאַץ, מ. פאניצמאַן, ש. גאָלדשטיין, מ. סקאטניצקי, מ. גאָלדשטיין, מ. ירקוני.

**רביים, רבנים און חסידים**
י. אַידלמן, ש. כץ, ד״ר ש. ביקל, א. קאליש, א. כמיעל, מ. אלבערשטיין, מ. באַרנשטיין.

**מפלגות וארגונים — פארטייען און אָרגאניזאַציעס**
א. לדרמן, יצחק טוראָק, מ. רעכטמאן, ש. כץ, ש. סאָקאָל, ש. מי־צור (מינצבערג), מ. שיף, י. נאָוויק, ג. כץ־קוציק, מ. ירקוני, א. קאמינסקי, י. אידלמן, פ. קויפמאן, ב. פלדמן, י. זלאטקאָווסקי, פ. פינקלשטיין, נ. געלבארד, ל. ליפשיץ, י. ריבא, פ. שערמאן, א. לעדערמאן, ש. פינקמאן, כ. איצקאָוויטש, מ. גאָלדשטיין, י. פערעל, ד״ר ח. שטיין, ש. סימכאָוויטש.

**הווי ודמויות — שטייגער און געשטאַלטן**
י. האפער, מ. אלבערשטיין, מ. רעכטמאן, נ. געלבארד, ד. מנדל, מ. גאָלדשטיין, ש. כץ, מ. ירקוני, י. אידלמן, י. טורקאָוו, מ. פעניצמאַן, א. כמיעל, ה. גוטקינד, א. בארנשטיין, ש. לאנדוי, מ. בארנשטיין, ק. בענעק, י. זלאטקאָווסקי, פ. ראָזנבערג, ש. גערלינג, מ. קאסמאן־יאבלאָנסקי, י. ליבעסקינד, ז. לעבנבוים, ד. שיף, א. מ. פערעל, י. בוטלינסקי, א. בייער, ס. איידלשטיין, ד״ר א. ראבינאָוויטש, א. זשעלאזני, א. קאנאנאָווסקי, ב. י. ראָזען, ב. טייטלבוים.

**מגילת קרצ׳ב — געשיכטע פון קארטשעוו**
י. זלאטקאָווסקי, ה. גייער, ח. ל. ליפשיץ, ר. יאנאדאָוויטש, מ. יעדוואב, ג. ראָזנבלאט, ר. באטאן־אייזנשטארק, א. אונגער, י. י. קלרמן, מ. ראָזנבלאט.

**אימי־השואָה — חורבן**
א. פרחודניק, ב. ארנשטיין, י. פערעל, י. טווים, מ. שולשטיין, ג. כץ־קוציק, ד״ר רינגלבלום, י. בארודזקי־נאָנטארסקי, י. טורקאָוו, מ. קאסמאן, מ. קאלקאָוויטש, ד. שיף, מ. בראף, א. גלבלום, ס. וויגאָדזקי.

**עלי חורבות — אויף די חורבות**
מ. ראקאָווסקי, ד. האלפערין, ד. שיף, מ. מ. בראף.

**מגילת הגבורה**
ש. גרלינג, ר. ואלבסקי, מ. בראף, ש. רובין, י. קלאמבערג, מ. ירקוני, ל. גאָלאָמביאוווסקי, זשולטאבראדא.

**רשימת הקדושים**




**את האלפים שנרצחו בין חומות הגיטו אוטבוצק, במחנה קרצ׳ב, בטרבלינקי ואושוויץ; את נשמות מיליוני אחינו ואחיותינו שנכרתו מארץ החיים.**

**נזכור** את היהודים הפשוטים, מזקן ועד ילד, הישרים והיקרים, בעלי צדקה וגמילות חסדים, אהבת הבריות ומסירות נפש, אהבת ישראל ואהבת ארץ־ישראל, התקוות ומשאות הנפש, השאיפות הרמות, האמונה והגבורה, את השנאה והבוז לחית האדם.

**נזכור** את בתי הכנסת ובתי המדרשות, את מוסדות הצדקה והחסד, את בתי עקד הספרים ואת הבתים שהיו קודש לעבודת העם והארץ.

**נזכור** את בתי המוסד לכל חי, את קברות אבותינו, את כל פרי עמלם הנאמן.

**נזכור** את כל אלה שנשמדו ונגדעו בידי מרצחים טמאים, חלאת המין האנושי, חדלי־אישים למיניהם: מי באש ומי במים, מי ברעב ומי בצמא, מי בחרב ומי שנקבר חיים ומי בתאי הגזים, כל אלה שעונו ונעקרו ומסרו נפשם על קידוש השם.

**נזכור** את כל בית ישראל שהובל לטבח ואפרו התפזר בכל קצוי תבל.

**נזכור** את הגבורים שהרימו את נס המרד ויקדשו את שם ישראל בלחמם בשורות גדודי הפרטיזנים, ביערות ובחזיתות ברחבי אירופה כולה, ובלבם חזון העליה למולדת, אמונה באדם ובגאולת ישראל.

**נזכור** את כל אלה שנפלו במערכות גאולתו של העם, ובמותם צוו לנו את החיים.

**נזכור — לא נשכח!**




מצבת הזכרון במרתף השואה בהר ציון, ירושלים

# אלה אזכרה

אי אפשר לתאר במלים את חורבנו של עם ישראל בשנות ת"ש — תש"ה.

אי אפשר כלל למצוא ביטוי הולם לגודל צערנו על אבדן ששת המיליונים יהודים, קדושים וטהורים, שעלו על המוקד בתקופת החורבן הנורא של יהודי אירופה.

אי אפשר למצוא איש שיוכל לקונן את קינת החורבן הזה.

אי אפשר לנו לעשות כעת דבר בשביל קדושים אלה.

אי אפשר אפילו להקים מצבה על קברם, כי הזדים הארורים שרצחו אותם, שרפו את גופותיהם ולא נודע אנה הלך אפרם.

אבל אי אפשר לנו לשכוח אותם!

אם כי מצבת אבן לא נוכל להקים על קבריהם, הרי יש לאל ידנו להעמיד להם מצבה רוחנית.

מצבה זו — תולדות העיר וזכרונות אנשיה — היא נר לזכרם, למען יחיה לעולמי עד.

# אבני בכות



בספר זה שלפנינו אנו מתיחדים עם זכרם הקדוש של בני אוטבוצק וקרצ'ב, אישיה, קברניטיה, עסקניה, המוניה, מוסדותיה וההווי היהודי שלה, אשר הושמדו בצורה כה איומה ומחרידה שאין מלים בפי אנוש עלי אדמות לתארה ולכנותה בשם.

נזכור נא היטב, כי אין הדמעה תלויה ועומדת, אלא על מנת שתשא פרי.

נרגיש בכאב לב שאין לו ארוכה, כמה יקרה היתה לנו עיר זו, שבה נולדנו והונכנו, ובה חיינו את שנות ילדותנו ונעורנו השלוות והסוערות.

מקהילותנו לתפארת לא נותרו אלא עיי חורבות ובתי־קברות, עפר ואפר, אפר התבערה הנוראה ואפר קדושינו ומעונינו.

אנו אין לנו שם אלא עבר בלבד, בלא שמץ של עתיד.

איננו רוצים עוד לשוב ולהקים את משכנות־יעקב ההרוסים והעזובים, איננו רוצים עוד לשוב ולשתול שתילי־חיים חדשים בתוך העפר התחוח והרווי דמעות ודם חרבנותינו.

אנו יצאנו מן הנכר ולא נחזור אליו לעולם, למדנו לקח וחשנו בקללה הרובצת על אותו נכר, ועכשיו אנו עמלים למען נראה ברכה במעשי־ידינו במולדתנו.

כאן אנו מוכנים לקבל באהבה את לבטי העמל והיסורים, הכרוכים בבנין מולדת, שהיתה שוממה דורות רבים ואויבים מסביב לה.

ואילו הגשר עם הנכר שרוף והרוס לעולמים, ושוב אין דרך אל גולת פולין.

קדושיה חוללו בידי זרים, ערכי הרוח שנוצרו במשך מאות שנים הלכו לטמיון, וקנייניה ונכסיה היו לבז ועלו באש — והיהודים, נושאי הערכים והקנינים האלה, נשמדו ואינם.

היו אוטבוצק וקרצ'ב, קהילות יהודיות, היו ואינן עוד.

בדם ואש נפלו ועלו השמימה.

ואנו, האודים המוצלים, מה לנו פולין הרחוקה בלי אחינו ואחיותינו, מה לנו אוטבוצק וקרצ'ב, שלא נוכל אפילו לבוא ולהשתטח על קברות אבותינו, כי אין יודע היכן הקברות והיכן אבני מצבותיהם, מאחר ואפילו לקבורה לא זכו.

גדול כים שברנו, ואין לנו נחומים.

ואף על פי כן: הרי נשארנו קשורים בכל נימי לבנו אל עירנו אוטבוצק, אל עירתנו קרצ'ב, כפי שהיו פעם, כפי שהן חיות בדמנו ובעומק נפשנו. יהמה הלב ויפרכס מכאב, כשאנו מעלים בזכרוננו את מראותיהן ואת תמונות ההווי היהודי

מן הימים עברו, את רבניהן ופרנסיהן, עסקניהן, תלמידי־חכמיהן ופקחיהן, את כל ההמונים של מבוגרים וצעירים ממעמד העובדים, סבלים, חייטים, סנדלרים, קצבים וכו׳, פשוטי־עם, ישרים ותמימי־דרך, והם שפעו הווי יהודי עממי, מיוחד במינו, בימי שמחה ובימי אבל כאחד.

אנו, השרידים המעטים אחרי השואה, ניגשנו בדחילו ורחימו להציב להם יד ושם.

נסינו לשזר פרקים מחיי העיירות, חיי עמל ויצירה, חיי חומר ורוח, חיים תוססים לכל צורותיהם ותקופותיהם.

דורות על דורות נמשכה שרשרת החיים היהודיים בעיירות אלה. חיים יהודיים רב־גווניים צמחו בהן והעמיקו שרשים — האם כל זה יהא נידון לכליה, לאחר שגם עלינו יבוא קץ כל בשר? כלום גזירה היא, שגם כל אותו שפע של תמונות וזכרונות יגוז ויהלוף כחלום יעוף?

האם אין זה מחובתנו למסור את רגשות לבנו ואת מראות עינינו מן הימים שעברו גם לבנינו אחרינו, לספר בעל־פה ולמסור בכתב, למען ידעו גם הם, כי ההיסטוריה של עם ישראל היסטוריה רבת־דורות היא, תולדות מאמצים ולבטים של בנין, ותולדות חורבות, יסורין ופרעות, שאיפות וכשלונות — היסטוריה בת אלפי שנים ושל אלפיים שנות גולה ונכר, עד שובנו לכאן, בכדי להתחיל מחדש ולבנות עתיד טוב יותר אחרי שנהרס העבר.

הדורות הבאים ימצאו בספר הזה, כבכל ספרי הזכרון לקרבנות השואה, עדות וראי למה שהיה בתפוצות אירופה לפני החורבן הגדול, ולפני שנמחק כל זכר לחיים היהודיים באוטבוצק ובקרצ׳ב.

אנו המעטים שזכינו להצטרף אל בוני המולדת בארץ ישראל, חשנו כי מוטלת עלינו חובה קדושה להציב יד ושם לקהילותינו. לא נחנו ולא שקטנו עד אם סיימנו את המלאכה, מלאכת הקודש.

וכך נקדש את זכר קדושינו.

אין אנו יכולים להקים מצבות על קברותיהם, כי אין אנו יודעים היכן מתגלגלים רגבי עפרם של ההרוגים והיכן פזור אפר השרופים. ננציח איפוא את זכר חייהם של אבותינו הקדושים באוטבוצק וקרצ׳ב שלפני השואה.

נשמור אותם בזכרוננו ונקיים את זכרונותינו־אנו לדורות הבאים, למען יהיו צרורים בצרור החיים של עמנו בדפי הספר הזה.

נעלה את זכר לוחמינו, שעמדו על חיינו וכבודנו.

אלה אשר השתתפו בתנועת המרי, לחמו בגדודים הפרטיזאניים, בגיטאות וביערות, ביחידות לוחמות יהודיות ובחזיתות שונות, ביטאו את צמאון־הנקמה ורצון־הקיום של העם כולו.

ביניהם היו גם צעירי אוטבוצק וקרצ׳ב.

בשקידה רבה אספנו את החומר על דמויות המורדים והלוחמים, וצרפנו קו לקו, תג לתג, את גילויי הגבורה בהתנגדותם לרוצחים הנאצים.

נעלה נר־תמיד לזכר הקדושים והטהורים, לזכר הגבורה, ההתעלות והמסירות.

יהא הספר גל־עד לזכרון עולם!

**וועד הספר**



# זכור את אשר עשה לך עמלק

## אזוי האָבן מיר אנגעהויבן

דער ווילן צו המשך, צום ווייטערדיקן לעבן און שאַפן גייט תמיד צוזאַמען מיט אַ פאַרשטאַרקטן חוש פאַר דעם שיינעם און ווערטפולן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פאַר דער געשיכטע פון אייגענעם פאָלק, פאַר דעם נשמהדיקן און גייסטיקן אין זיין אַמאָליקער היים און דעמאָלט דערפילט יעדער די שטאַרקע באַדערפעניש פון „והגדת לבנך“.

דער דאָזיקער פאַרלאַנג איבערצוגעבן פאַר די ווייטערדיקע דורות די לעבעדיקע קוואַלן, פון וועלכע עס האָבן געטרונקען אונדזערע טאַטעס און זיידעס, האָט גענורטעוועט צווישן די אטוואַצקער יידן אומעטום ווו זיי האָבן זיך געפונען נאָך דעם גרויסן חורבן. יעדער איינציקער פון אונדז איז געווען דורכגעדרונגען מיטן ווילן צו פאַראייביקן דאָס לעבן און אומקום פון אונדזער שטעטל.

אַפשטאַמיקע פון אַטוואַצק זענען נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען צעוואָרפן איבער פאַרשידענע שטעט און לענדער און אין זייערע געמיטער האָבן זיי מיטגעטראָגן די האַרציקע וואַרעמקייט פון זייער אַלטער היים, די איניציאַטיוו און אַקטיוויטעט פון אונדזער יוגנט, וואָס האָט זיי געגעבן שווונג און פאַרנעם אויך אין דער פרעמד. אטוואַצקער יוגנטלעכע האָבן אַנטיילגענומען אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אומעטום ווו זיי זענען געקומען.

אַזוי איז עס געווען אויך אין ישראל, ווו עס האָט שוין אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה עקזיסטירט אַ קליינער פאַרבאַנד פון אטוואַצקער יידן. מיר זענען געווען ווייניק און די טעטיקייט פונעם פאַרבאַנד איז דערפאַר געווען אַ באַגרענעצטע, באַגנוגנט זיך מיט דער מאַטעריעלער און מאָראַלישער הילף פאַר ניי־געקומענע עולים.

דער פאַרבאַנד האָט אויפן דאָזיקן געביט גרויסע פאַרדינסטן, אָבער מיר האָבן זיך אָפגעגעבן אַ חשבון, אַז דערמיט צאָלן מיר נישט אָפ דעם גרויסן חוב, וואָס מיר זענען שולדיק אונדזערע קדושים. מיר האָבן דעם דאָזיקן חוב געטראָגן טיף אין אונדזערע הערצער, אָבער מיר



## ר׳ חיים קאַצקי ז״ל
## לאַנג־יאָריקער ראש הקהל אין אטוואַצק

איינער פון די שענסטע פּערזענלעכקייטן צווישן די עסקנים אין אונדזער שטאָט, איז געווען פאַרערט און באַליבט ביי אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ למדן און ירא־שמים און די נאַטירלעכע גוטסקייט, וואָס האָט געגליט אין זיין האַרצן, האָט אַריינגעלויכטן אין זיין גאַנצער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן: „אוי לדור שאתם פרנסו שאי אתה מפרנסו, שאי אתה יודע בצערן של תלמידי חכמים״, און מען האָט זיך מיט אים גערעכנט הן צוליב זיין ערלעכקייט און הן צוליב דעם, וואָס ער האָט אַליין געדינט ווי אַ מוסטער פון זאָרג פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן. עס האָט געטראָפן אין אַ פראָסטיקן טאָג האָט ער זיך אומגעקערט אין שטוב אָן זיין ווינטער־מאַנטל און קיינעם נישט געוואָלט דערציילן וואָס מיט אים איז געשען. ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך דערוווּסט וועגן אַ פאַרבאַרגענעם אָרעמאַן און האָט ביי אים איבערגעלאָזט זיין אייגענעם ווינטער־מאַנטל. אין פאַריז איז געבליבן לעבן זיין טאָכטער און איידעם, ה׳ משה האַנדקאַן, אַ נדבן און געזעלשאַפטלעכער טוער מיט אַ וועלט־נאָמען.

---

זענען געווען צו ווייניק אויף צו רעאַליזירן אים. ערשט מיטן אָנהייב פון דער גרויסער עליה זענען אָנגעקומען אויך צענדליקער אטוואַצקער משפחות. צווישן זיי אויך אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך אין דער אַלטער היים געהאַט אַ רייכע דערפאַרונג פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דעמאָלט, אין יאָר 1950, איז צום ערשטן מאָל באַשלאָסן געוואָרן איינצואָרדענען אַן אזכרה, מתייחד צו זיין זיך מיטן אָנדענק פון די אטוואַצקער קדושים.

זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן די סאַמע אַקטיוויסטע, וואָס האָבן מיט זייער איניציאַטיוו געהאָלפן איינאָרדענען די דאָזיקע אזכרה. דאָס זענען: משה פאַניצמאַן, נאָסקע געלבאַרד און משה רעכטמאַן. מיט דער עקשנות און טראַציקייט פון איבערגעגעבענע עסקנים האָבן זיי באַזיגט אַלע שוועריקייטן פון ערשטע טעג.

אויפן דאָזיקן ערשטן צונויפטרעף פון אטוואַצקער שארית הפליטה איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ ועד, אין וועלכן עס זענען אַריין: י. איידלמאַן, נ. געלבאַרד, מ. ירקוני, ש. מינצבערג, מ. פאַניצמאַן, ח. פאַיאָוויטש און מ. רעכטמאַן. אַלס ערן־מיטגליד איז איינשטימיק אויסגעוויילט געוואָרן דער פאַרדינסטפולער ד״ר קרעמער ז״ל.

דער אויסגעוויילטער ועד איז גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, פאַרבונדן זיך מיט אַלע אטוואַצקער יידן אין ישראל און עס איז אונדז געלונגען צו פאַרעגיסטרירן

---

## דער אטוואַצקער רבי, ר׳ יצחק קאַליש זצ״ל

מיט טויזנטער פעדעם זענען די רביים אין אטוואַצק געווען פאַרבונדן מיט דער שטאָט, זענען געווען אַרומגערינגלט מיט פאַרערונג און ליבשאַפט און דורך זייער גרויסער השפעה פאַרגעשמעלט מיט זיך אַן אינטעגראַלן טייל פונעם לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אטוואַצק. די רביים, די רבישע הייף און יערנס באַזונדערן אייגנאַרטיקן דרך אין חסידות — זענען אין אונדזער ספר הזכרון געווידמעט ערנסטע אַרבעטן.



דריי הונדערט אטוואצקער יידן. מיר האבן אנגעבונדן קאנ־טאקטן מיט די אטוואצקער יידן אין קאנאדע, אמעריקע און פראנקרייך, ווו עס עקזיסטירט ביזן היינטיקן טאג אן אטוואצקער לאנדסמאנשאפט, מיט וועלכער מיר שטייען אין כסדרדיקער פארבינדונג.

די הויפט־שטרעבונג פונעם אויסגעוויילטן ועד איז געווען צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזערע קדו־שים, פון אונדזער פארשניטענער היים. דאס איז געווען די טעמע פון אלע אונדזערע צונויפטרעפן. וועגן דעם האבן מיר גערעדט אויף אלע יערלעכע אזכרות און דאס האבן מיר באהאנדלט אויף אלע אונדזערע זיצונגען און באגעגענישן.

די שוועריקייטן זענען געווען אומגעהויערע. עס איז געווען פארבונדן מיט געלט און מיט זאמלען דאס מאטעריאל. עס זענען געווען מאמענטן, ווען די שוועריקייטן האבן זיך אויסגעוויזן נישט צום באזיגן. אבער מיר האבן נישט אראפגעלאזט די הענט, געמוטיקט איינער דעם אנדערן און ווייטער פארגעזעצט דאס פראקטישע שטרעבן צום גרויסן ציל.

א קאנקרעטע ווענדונג האט אונדזער ארבעט אנגע־נומען אין די יארן 1956—57, ווען עס זענען ווידער אנ־געקומען נייע אטוואצקער עולים. מיר האבן דעמאלט



חנמשע וויזל, הערש מייל, שרה שטיין, דוד פאפאווער, חיים פאיאווישע, גאלדע זעלבערשטיין און שיינדל צעשינסקי.

א גרופע חברים פון פועלי־ציון, דורכגעדרונגען מיטן אידעאל פון יידישער גאולה, האבן זיי קיינמאל נישט באגנוגנט זיך מיט חיי־שעה און שטענדיק געלעבט מיט האפענונג און גלויבן אין דער צוקונפט. לעבנגעבליבענע מיטגלידער שרייבן אין בוך וועגן זייער שטרעבן און ארגאניזאציאנעלע טעטיקייט.

ארגאניזירט די ערשטע גרעסערע געלט־זאמלונג, אבער די אריינגעפלאסענע סומעס האבן זיך ארויסגעוויזן ניש־טיקע אין אנבליק פון די גרויסע הוצאות, מיט וועלכע עס האט געדארפט זיין פארבינדן דאס ארויסגעבן א יזכור־בוך. געווען אויך אזעלכע אטוואצקער משפחות, וואס האבן לגמרי נישט ארויסגעוויזן קיין פארשטענדעניש פאר אונדזער גרויסן אנשטרענג.

נישט געקוקט אויף אלע שוועריקייטן איז די ארבעט



הפועל המזרחי

טרייקייט צו תורה און טראדיציע איז געגאנגען ביי זיי צוזאמען מיט דער שטרעבונג צו שיבת ציון, מיט מסירות נפשדיקער צוגעבונדנקייט צום הייליקן לאנד. עס שרייבט אין בוך ישראל איידלמאן וועגן די דאזיקע יונגע און דערוואקסענע רעליגיעזע יוגנטלעכע אין אטוואצק, וועגן זייערע לערער און דערציער, וואס האבן פאר זיי אנטפלעקט די פראכט פון יידישקייט און איינגעפלאנצט אהבה צום פאלק און לאנד.

ווייטער אנגעגאנגען. חוץ די אזכרות, וואס קומען פאר יעדעס יאר צו דער יארצייט פון דער ליקווידאציע פון יידישן ישוב אין אטוואצק, דעם 12־טן אויגוסט, האבן מיר אויך אויפגעשטעלט א מצבה אינעם אומקום־קעלער אויפן הר־ציון אין ירושלים.

ביים פירן די געלט־זאמלונג האבן ארויסגעוויזן א באזונדערע אקטיווקייט די אטוואצקער אין חיפה, וועלכע האבן אריינגעלייגט א סך ענערגיע אין העלפן רעאליזירן דעם פלאן פון יזכור־בוך.

חוץ אלגעמיינע פארזאמלונגען זענען אויך איינגע־ארדנט געווארן צונויפטרעפן און מסיבות מיט אטוואצקער לאנדסלייט, וואס זענען געקומען פון אנדערע לענדער אויף א באזוך אין ישראל. אזעלכע קבלת פנימס זענען איינגעארדנט געווארן פאר די פאריזער שלום גאלדשטיין מיט זיין פרוי און פאר משה שערמאן; פאר די קאנאדער, פארן דיכטער סימכאוויטש און יאסל סלאוונער מיט זיין פרוי א. א.

שטענדיק און אומעטום איז די הויפט־טעמע געווען

דער פּלאַן פון יזכור־בוך. מיר האָבן אַרויסגעשיקט בריוו, אויפרופן, אין וועלכע מיר האָבן אַפּעלירט צו אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און אין דער וועלט. ליידער איז דער אָפּרוף געווען אַ שוואַכער. געווען ערטער, וואָס האָבן זיך אינגאַנצן נישט אָפּגערופן אויף אונדזערע ווענדונגען.

צו די איינציקע, וואָס האָבן מיט דער גאַנצער התלהבות זיך אָפּגערופן אויף אונדזער ווענדונג, געהערן די אָטוואָצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך. ה׳ שלום גאָלדשטיין אין פּאַריז האָט מיטן גאַנצן ברען זיך גענומען צו דער געלט־זאַמלונג און ווען ער איז צום צווייטן מאָל געקומען אויף זיין באַזוך אין ישראל, האָט ער אונדז געבראַכט אַ גרעסערע סומע און דאָס האָט קאָנקרעטיזירט דעם פּלאַן און די פּערספּעקטיוו אַרויסצוגעבן דאָס יזכור־בוך.

זאָל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן די פינאַנסיעלע הילף, וואָס ה׳ משה האַנדקאַן האָט געבראַכט מיט זיין גרויסער באַשטייערונג און אַרויסגעוויזן דערמיט זיין טרייע איבערגעגעבנקייט און הייסן ווילן צום דערשיינען פון אונדזער יזכור־בוך.



געשטאַלטן פון עבר אין אונדזער היימשטעטל: משה־חיים לעדערמאַן (רעכטס) און גאָלדבערג, צוויי פון אַ סך, וואָס האָבן אין זייער טראַדיציאָנעלער פּורים־אַקציע פון ביקור־חולים זיך אַרויסגעלאָזט איבער דער שטאָט פריילעך מאַכן דעם עולם, עפענען זייער הערצער און קעשענעס פאַרן העלפן די אָרעמע קראַנקע, וואָס זענען געווען אונטער זייער וואַרעמער אויפזיכט אַ גאַנץ יאָר. מיט ליבשאַפט און פשטות האָבן זיי געטון די דאָזיקע אַרבעט, וועגן וועלכער עס דערציילן אין בוך די מענטשן פון אונדזער שטעטל.



**די פאַרוואַלטונג פונעם יידישן קליינהענדלער־פאַריין אין אָטוואָצק** שיינע בלעטלעך פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט אין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ פון די יידישע קרעמער און סוחרים אין אָטוואָצק האָט אַריינגעשריבן דער קליינהענדלער־פאַראיין, אין וועמענס שפּיץ עס זענען געשטאַנען עסקנים, פשוטע, באַלעבאַטישע יידן פון אַ גאַנץ יצר, וואָס האָבן זיך אָבער אויסגעצייכנט מיט איניציאַטיוו און איבערגעגעבנקייט פאַר די אויפגאַבן, וואָס זענען אַרויסגעדרונגען פונעם מצב פון די יידן אין פּוילן.

אינצווישן האָט זיך אויך געענדערט דער צוזאַמענשטעל פונעם וועד. נאָך דער פטירה פון חיים פּאַיאָוויטש ז״ל זענען אויף אַ יזכור־אָוונט צוקאָאָפּטירט געוואָרן צום וועד די מיטגלידער: מ. גאָלדשטיין, י. זלאַטקאָווסקי פון קאַרטשעוו, ל. לעדערמאַן, ש. רעכטמאַן, מ. בייער און ש. מאַרקוספעלד.

די דאָזיקע מענטשן האָבן מיט דעם געפיל פון דער גרויסער אחריות איינגעשפּאַנט זיך אין דער אַרבעט. ענדלעך איז אונדז געלונגען צוציען צו דער רעדאַקציאָנעלער אַרבעט דעם רעדאַקטאָר שמעון קאַנץ, און עס איז פאַר אונדז געווען אַ פרייד צו זען ווי ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט אונדזער התלהבות, כאָטש מיר האָבן נאָך דעמלט ממש נישט געהאַט קיין מאַטעריאַל פאַרן ספר. לויט זיינע כסדרדיקע אָנווייזונגען האָבן מיר אונדזערע אָנשטרענגונגען געווענדן אין דער ריכטונג פון זאַמלען דאָקומענטן און זכרונות, עפּיזאָדן און בילדער. ביסלעכווייז איז אויסגעוואַקסן דער גרויסער בנין, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער ספר־הזכרון צום אָנדענק פון אונדזער היימשטאָט.

דער בנין האָט שוין געהאַלטן ביים סוף און די מאַטעריאַלן זענען נאָך אַלץ געפלאָסן. ביים בעסטן ווילן אַריינצונעמען אין בוך אַלץ מער באַטייליקטע האָבן מיר אָבער נישט געהאַט דערצו קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן.

מיר זענען נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע שרייבער, נישט קיין היסטאָריקער. בלויז די אויפטרייסלענדיקע יסורים און אַנבליק פון שוידערלעכן אומקום האָבן געעפנט אונדזערע שטומע ליפּן און געמאַכט זיי רעדעוודיק. יעדע איינציקע פאַרצייכענונג, ווען זי איז אַפילו געשריבן

מיט אַ מילדן שמייכל און לייכטן הומאָר, איז דאָך אַן אויסדרוק פון קאָנצענטרירטן צער־געפיל. דערפאַר האָט יעדע דערינערונג, יעדע שורה איר אָרט און ווערט אין דאָזיקן בוך־מצבה צום אָנדענק פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע.

עס וויינט דאָס האַרץ אויף די פאַרפייניקטע, פאַרלוירענע, אָבער זייער ליכטיקער אָנדענק פאָדערט פון אונדז אַ שטאַרק און געמוטיקט האַרץ, כדי זייער טויט זאָל קריגן אַ תיקון אין אונדזער ווייטערדיקן ליכטיקן אויפבוי.

דערציילנדיק וועגן די אַלע געשטאַלטן און טיפן זענען אונדזערע הערצער דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט צו יענע אַלע, וואָס זענען געווען און זענען מער נישטאָ. רעדנדיק וועגן זיי זעען מיר דאָך אויך די פנימער פון אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, פון אַלע די, וואָס זיינען אַ טייל פון אונדזער לייב און נשמה.

מיר, וואָס האָבן זוכה געווען אָפּגעראַטעוועט צו ווערן פון דער גרויזאַמער שחיטה, האָבן שטענדיק פאַר די אויגן דעם אור־אַלטן געבאָט, וואָס איז געבליבן פאַר אונדז אויסגעקריצט מיט אותיות פון פייער און בלוט: „זכור את אשר עשה לך עמלק" — דער עמלק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דאָס איז אייגנטליך די ראָל און באַשטימונג פון דאָזיקן בוך: נישט סתם זכרונות פון דער ווייטער און נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, נישט בלויז אַן אָנדענק־ליכט פאַר די לויטערע און הייליקע נשמות, וועלכע זענען אומגעקומען דורך אַלערליי שוידערלעכע טויטן. פאַרציי־כענענדיק אונדזערע זכרונות האָבן מיר געפילט די באַדערפעניש אַרויסצוברענגען די באַזונדערע ליכטיקייט פון די יידישע פאָלקס־מענטשן אין אונדזער שטעטל. זאָל עס די קומענדיקע דורות געבן די טיפע אָנונג פון דער אומגעבראַכטער שיינקייט.

מיט געבויגענע קעפּ און פאַרבראָכענע הערצער שטייען מיר ביים באַשיידענעם דענקמאָל פאַר אונדזערע אומגעקומענע יידישע קהילות אין אָטוואָצק און אין קאַרטשעוו. מיר פאַראייניקן זיך מיטן הייליקן אָנדענק פון די דערמאָרדעטע קדושים.

חבל על דאבדין ולא משתכחין!

זאָל דאָס יזכור־בוך זיין אַ שטענדיקע דערמאָנונג לדורי־דורות, וועלכע וועלן זען אין דאָזיקן בוך אַ דאָקומענט און אַ שפּיגל פון אַ רייך שטייגער־לעבן, וואָס איז מער נישטאָ.

זאָל דאָס געשריי, וואָס גייט אויף פון דאָזיקן בוך, נישט פאַרשטילט ווערן און נישט אויפהערן צו מאָנען ביז דורי־דורות.

זיי, אונדזערע טאַטעס און זיידעס, מיט זייער גאַנצן נשמה־יתרהדיקן לעבן, אין אַלע וווּנדערלעכע קאָלירן פון יידישער שיינקייט, האָבן אונדז געגעבן דעם גלויבן אין אונדזער געשיכטלעכן גאַנג, דעם פאַרשטאַנד און דאָס גרויסע אחריות־געפיל, וואָס גייט פאַרויס פון אונדזערע אויפגאַבן.

ביים רויטן ליכט פון זייער פאַרגאָסענעם בלוט שווערן מיר:

**מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן!**

**וועד הספר**

**אירגון יוצאי אוטבוצק בישראל**



# בנות יעקב



וועדנדיק דערצויגן אין טיפער אמונה, אין גייסט פון געטרייען אפהיטן מצ־וות מעשיות, זענען זיי צו־גלייך מיט אלע יידישע קינדער געווען פילבאר אויף אלעם, וואס האט אנגערירט דעם כלל ישראל און גע־ווען דורכגעדרונגען מיט דער גרויסער תשוקה נאך גאולה, נאציאנאלע פרייהייט צוזאמען מיט לתקן עולם במלכות שדי. זייער אפטימיזם און לעבנס־בטחון האט ־ אויסגעזען צו זיין אומבאזיגבאר, ביז עס זענען געקומען די טעג פון גרויליקן אומקום און זיי אזוי אכזריותדיק פארשניטן.

אויך אין יענע מאוימדיקסטע מאמענטן זענען זיי, ווי פארכטיק־פלאטערנדיקע טויבן, ריינע אומשולדיקע, דורכ־געדרונגען געווען מיט יידישן בטחון, אז דער צארן וועט אריבער און האבן דאס סידור'ל נישט ארויסגעלאזט פון זייערע הענט.



שטייען (פון רעכטס): פוקס, שמואל זילבערשטיין דובה רייכמאן, משה דזיאלאווסקי, חוממשע מענדעלסאן, פישל הארוויץ, אסטעקא.
זיצן (פון לינקס): רויזע רייכמאן, אברהם־חיים שערמאן, אנדזשע, אהרון־מרדכי הארוויץ, מרים קאמער.
רויזע רייכמאן מיט איר מאן פישל הארוויץ און זיין ברודער אהרון־מרדכי הארוויץ לעבן זיים לאנגע יארן אין פאריז. דער פאטער פון די ברידער הארוויץ איז אין געטא געווען א קברן. יעדן טאג איז ער ארומגעפארן מיט א גרויסן וואגן איבערן געטא און צוזאמענגענומען די טויטע, וועלכע ער האט שפעטער אוועקגעפירט אויף דעם בית־הקברות. זיין יינגסטער זון וועלוול, איז אין געטא געשטארבן פאר הונגער און ער האט אים אונטערן צרעס געטראגן לענגאויס דער גאנצער בארשאווו־גאס ביז צו דער סמאשיצא, ווו דער וואגן האט געווארט...
חוממשע מענדלסאן איז אומגעקומען אין ווארשעווער געטא. אברהם־חיים שערמאן, דער זון פונעם סופר אויף דער קארמשעווער גאס, לעבט אין קיבוץ דגניה ב'.

# אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך

אונדזער ביז איצטיקע אַרבעט, פּונקט ווי די אַרבעט פון אַנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין פאַרשידענע לענדער, האָט באַוויזן ווי נויטווענדיק עס איז אונדזער אָרגאַניזאַציע. די נאָסטאַלגיע נאָך פאַרלאָזטע היימען, די בענקשאַפט פון מענטשן, וואָס זענען געוואָרן אָפּגעריסן פון זייערע נאָענטע און משפחות און זענען געקומען אין פרעמדע לענדער, נישט געקענט די לאַנד־שפּראַך און געווען געצוווּנגען צו זוכן אַ נאָענטן מענטש, אַ פריינט — האָט געברענגט דערצו אַז יעדער זאָל נעמען זוכן אַ מענטש פון דער אַלטער היים, אַ לאַנדסמאַן, און אַזוי זענען געשאַפן געוואָרן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן נישט בלויז געלינדערט די איינזאַמקייט, נאָר גאַנץ אָפט געטראָגן אויך אַ סאָציאַלן כאַראַקטער, געטראָגן קעגנזייטיקע מאַטעריעלע הילף.

אַזאַ איז די געשיכטע פונעם אויפקום פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין די אימיגראַציע־לענדער, וואָס לאָזט זיך איינטיילן אין צוויי פאַזעס. אין אַנהויב איז געווען דער אימיגראַציע־שטראָם אין די מזרח־לענדער ביים סוף פון פאַריקן און אַנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט ביזן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער צווייטער אימיגראַציע־שטראָם איז פאָרגעקומען צווישן ביידע וועלט־מלחמות און די סיבות זענען געווען פּונקט ווי ביי דער ערשטער: נויט, אַנטיסעמיטיזם, פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען און כלערליי אַנדערע דיסקרימינאַציעס. אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז אויך אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקער שטראָם קיין ארץ־ישראל. עס זענען געפאָרן מענטשן, וועלכע זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן אידעאַל פון בויען דאָס אייגענע לאַנד.

אין פראַנקרייך האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן געטראָגן אַ פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער. עס זענען געווען לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אָפּקויפן פעלצער אויף בית־עלמינס פאַר אייגענע און האָבן געוואַרט אויף ביז „איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר", כדי צו רוען צוזאַמען, צווישן אייגענע. אָבער דער נייער טיפּ אימיגראַנט, וואָס איז געקומען קיין פראַנקרייך צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט אַריינגעבראַכט אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן עלעמענט, וואָס האָט אַנטוויקלט אַן אַקטיווע טעטיקייט, געבויט אינסטיטוציעס, סאָציאַלע, פּאָלי־






דער מאָנומענט אין פּאַריז וואָס די אָטוואָצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין פראַנקרייך האָט אויפגעשטעלט צום אָנדענק פון די אומגעקומענע קדושים אין אָטוואָצק.

טישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע און אַזוי זענען די לאַנדסמאַנשאַפטן געוואָרן דער אַוואַנגאַרד אויף אַלע געביטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַ באַזונדערס לעבהאַפטע טעטיקייט האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן אָנגעהויבן פירן באַלד נאָכן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען דער קליינער טייל איבערגעבליבענע יידן נאָכן גרויסן חורבן, האָט זיך גענומען שטאַרקער דערנענטערן איינע צו די אַנדערע, ווי אחים לצרה, כדי צוריק אָנהויבן בויען פונדאַסניי דאָס יידישע לעבן.

מיר, אָטוואָצקער יידן אין פראַנקרייך, האָבן נאָך

לאַנגע יאָרן לעבן אויף אימיגראַציע נישט פאַרגעסן אין אונדזער אַלטער היים. מיר האָבן שטענדיק נאָכגעפאָלגט דאָס לעבן אין אטוואַצק, די פּראָבלעמען, מיט וועלכע עס ראַנגלען זיך אונדזערע נאָענטע אין דער אַלטער היים, ווי אַזוי עס לעבן דאָרט אונדזערע עלטערן, ברידער און שוועסטער, פריינט און חברים. דעריבער איז געווען נאַטירלעך, אַז אויך מיר זאָלן צומאַרגנס נאָך דער גרויסער וועלט־שחיטה, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אַלע אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע אין אונדזער היים־שטאָט זענען אומגעקומען, באַשליסן צו שאַפן די אָרגאַניזירטע אטוואַצקער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס זאָל אָפּהיטן דעם אָנדענק פון אונדזערע קדושים.ווען מיר האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן, האָבן מיר דערזען, אַז דער גרויסער חורבן האָט אויך נישט אויסגעמיטן די אטוואַצקער יידן, וואָס האָבן ביז צו דער מלחמה געלעבט אין פראַנקרייך.

דעם דאָזיקן טרויעריקן חשבון האָבן אויך געמאַכט די יידן פון די שכנותדיקע שטעט: פאַלעניץ און קאַרטשעוו. אויף אונדזערע צונויפטרעפן זענען מיר געקומען צום אויספיר, אַז פּונקט ווי מיר זענען געווען שכנים אין פּוילן און אויך דאָרט געפירט געמיינזאַם פּאָליטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, דאַרפן מיר אויך דאָ, אין פראַנקרייך, גרינדן צוזאַמען די געזעלשאַפט פון אונדזערע לאַנדסלייט. די איניציאַטיוו האָבן גענומען אויף זיך עטלעכע געזעלשאַפטלעך־אַקטיווע חברים, וועלכע האָבן גערופן און אָרגאַניזירט די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אונדזערע לאַנדסלייט אין פראַנקרייך. די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין חודש דעצעמבער 1948. ביי דער באַטייליקונג פון אַן ערך פופציק משפחות



אַ געוויינלעך בילד פון דער קאָסמאַשיושקי־אַלעע, אָבער ווען עס איז אָנגעקומען צו אַן אטוואַצקער אין פּאַריז, האָט עס אַ פלייץ געמוזט מיט דערינערונגען. דאָס איז דאָך געווען דער פּאָפּולערסטער פלאַץ צום שפּאַצירן פאַר דער אטוואַצקער יוגנט. די בענק לענגאויס דער אַלעע זענען שטענדיק געווען פאַרנומען מיט דיסקוטירנדיקער יוגנט, וואָס האָבן זיך דאָ געטיילט מיט סודות פון רעוואָלט, אומלעגאַלער עליה און מיט חלומות פון אַ בעסערער וועלט. דאָ איז געשטאַנען דער קאָסמאַשיושקי־דענקמאָל און די נאַציס וואַנדאַלן האָבן אים צעשטערט.



אויבן, פון רעכטס: נח קאַלעוואַריע, רחלע אורבאַך.
פון אויבן אַראָפּ: מאיר קאַסמאַן און אלי דאַרן.
זיי זענען אוועק פון אטוואַצק, אָבער נישט פון זייערע זכרונות, נישט פון די אידעאַלן, וואָס זיי האָבן פון דער אַלטער היים מיטגעטראָגן זיך אין דער ברייטער וועלט און פאַר זיי מקריב געווען זייערע יונגע לעבנס. מיר דערציילן וועגן זיי באַזונדער.

האָבן די ח"ח גייער פון קאַרטשעוו, סאַלניצקי פון פאַלעניץ און שלום גאָלדשטיין פון אטוואַצק אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פון ענגער צוזאַמענאַרבעט און געשטעלט זיך אַלס דעם הויפּט־ציל: נישט פאַרגעסן! נישט פאַרגעסן אונדזערע קדושים, די אַלע נאָענטע און טייערע, וואָס זענען אומגעקומען מיט די שוידערלעכסטע טויטן; נישט פאַרגעסן אויף די רוצחים און זייערע גרויזאַמע אכזריותן; נישט פאַרגעסן אונדזער גרויסער טראַגעדיע.

אַזוי איז געבוירן געוואָרן די געזעלשאַפט אטוואַצק־פאַלעניץ־קאַרטשעוו.

צומאַרגנס נאָכן גרינדן אונדזער געזעלשאַפט האָבן מיר אויפן יידישן בית־עולם אין פּאַריז אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט צום אָנדענק פון די אומגעקומענע אטוואַצקער פאַלעניצער און קאַרטשעווער יידן אין פּוילן און אין פראַנקרייך. מיר האָבן אויפן דאָזיקן מאָנומענט אויסגעקריצט די נעמען פון אונדזערע משפחות. יעדן ערב יום־כיפור קומען מיר זיך צונויף ביים דאָזיקן מאָנומענט און מיר דערמאָנען די אַלע נעמען, גיבן אָפּ כבוד די אומגעקומענע, האַלטן הייליק זייער אָנדענק. איינמאָל



## מגילת הגבורה

**גענעראַל קאָוּפּאַק (אינמיטן) צווישן יידישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער.** דער ערשטער פון רעכטס איז דער שרייבער פון דער פּרעכטיקער שילדערונג, אויף זייט 1025, לעאָן גאָלאַמ־ביאָווסקי. ער איז דאָ אַלס פאַרשטייער פון גענעראַל־מאַיאָר סווואָראָוו צום פּאַרטיזאַנער צוזאַמענפאָר אין קיעוו דעם 23־טן מערץ 1944.

**אין יאָר אָרדענען מיר איין אַן אזכרה אין דעם „הויז פון יידישן מאַרטירער" אין פּאַריז. דער פּראָגראַם אויף די דאָזיקע אזכרות איז געווידמעט דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע.**

**יאָר־יערלעך באַטייליקן זיך די מיטגלידער פון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אין די פייערונגען צום אָנדענק פון די העלדן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. ווען מען רעדט אָדער מען שרייבט וועגן דער שארית הפליטה פון די אַטוואַצקער יידן, וועגן זייער לעבן, טעטיקייט און שאַפן, אויפן געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און קולטור־געביט, פאַרנעמט זיכער די לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז אַ גאָר חשובן פּלאַץ. אַחוץ חברישע הילף, בין אדם לחברו, נעמען מיר אויך אָנטייל אין אַלע צענטראַלע אַקציעס, וואָס ווערן געפירט אין פראַנקרייך. מיר זענען**



די פּאַרטיזאַנער־גרופּע, אין וועלכער עס האָט אַזוי העלדיש גע־קעמפט דער אַטוואַצקער לעאָן גאָלאַמביאָווסקי, אין מאָמענט ווען עס ווערן געגעבן די לעצטע באַפעלן און אינסטרוקציעס פאַרן אַרויסגיין אויף אַן אַקציע קעגן די דייטשן.

**אַקטיוו ביים ברענגען הילף אין דער אַקציע „מעות חיטין" פאַר אַלטע לייט. מיר זענען צווישן די צענדליקער לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס גיבן זייער ביישטייער פאַר העלפן לינדערן די נויט אין יידישע שטובן. די נעמען פון אונדזערע שטעט: אַטוואַצק, פּאַלעניץ און קאַרטשעוו, דערשיינען אָפט אין דער יידישער פּרעסע אין פּאַריז צוגלייך מיט אַלע אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס נעמען אָנטייל אין די צענטראַלע אַקציעס ביים פאַרטיידיקן די באַזונדערע יידישע ענינים.**



**שמואל (שמואליק) סאַלניצקי, נתן (נאַטקע) און משה שיינמאַן.** זיי זענען געקומען אין די רייען פון „השומר הצעיר", מיטן גרויסן אידעאַל פון נאַציאָנאַלער גאולה און מיט באַזונדערער עמפּפינדלעכקייט לגבי יעדער זיך דערנענטערנדיקער געפאַר, שטענדיק געשפאַנט און גרייט צום קאַמף, [illegible] אַקציע אין אַטוואַצקער געטאָ זענען זיי, ווי אַ סך אַנדערע יונגנטלעכע אַוועק קיין וואַרשע, וווּ זיי האָבן אָנטיילגענומען אין העלדישן אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ און געפאַלן. עס שרייבט וועגן זיי מרדכי־מנחם בראַף אין דער גבורה־אָפּטיילונג פון אונדזער יזכור־בוך.

**עס איז פאַרשטענדלעך, אַז כדי צו פונקציאָנירן ווי געהעריק דאַרף אַ געזעלשאַפט האָבן מענטשן, וואָס זענען וויליק צו ווידמען זייער צייט און ענערגיע פאַר די גרויסע צילן וואָס די געזעלשאַפט האָט זיך געשטעלט. די טרייבקראַפט פאַר דער דאָזיקער מיפּולער אַרבעט קוואַלט אַרויס פון דער טיפעניש פון דער נשמה פון די מענטשן, וואָס פאַרמאָגן דאָס וואַרעמע האַרץ, דעם פיינעם חוש, געפיל און סענסיוויטעט פאַר דעם אידעאַלן צוועק, פאַר וועלכן די קערפּערשאַפט איז געשאַפן געוואָרן. אונדזער**

מיר זענען שטאָלץ, וואָס אויף אַ שער־בלאַט פון אַ בוך פון דעם גרויסן יידישן שרייבער, אפרים קאַגאַנאָווסקי, זענען אָנגעשריבן די ווערטער, אַז דאָס בוך איז דער־שינען ביי דער מיטהילף פון דער לאַנדסמאַנשאַפט — אָטוואָצק־פאַלעניץ־קאַרטשעוו אין פראַנקרייך. מיר האָבן אויך געהאָלפן אונדזער לאַנדסמאַן בינעם קאַץ (ק. בענעק) ביים אַרויסגעבן זיין בוך „אונטער די פאַריזער הימלען".

הגם אונדזער געזעלשאַפט איז געשאַפן געוואָרן אַ יאָר נאָכן אַנטשטיין פון דער יידישער מדינה, האָבן מיר נאָך פאַר דעם באַוויזן אויף אַן אינדיווידועלן אופן צו באַטייליקן זיך אין אַלע אַקציעס לטובת ישראל. אין יאָר 1948 האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ געלט־זאַמלונג און געקויפט אַן אַמבולאַנס פאַרן מגן־דוד־אדום. אין די לעצטע יאָרן שטיצן מיר דעם קינדער־קליניק אויפן נאָמען פון ראובן ברײנין.

אַ סך לעבן האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער אַרבעט לאַנדסמאַנשאַפט האָט דאָס גליק צו פאַרמאָגן אַזעלכע מענטשן, מיט וועמענס הילף מיר אָרדענען איין פאַר אונדזערע מיטגלידער פאַרלעזונגען אויף פאַרשידענע טעמעס, ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע און מיר שטיצן יידישע שרייבער, העלפן זיי אַרויסגעבן זייערע ביכער.



ביים שטיין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן צום אָנדענק פון די אומגעקומענע יידן אין אָטוואָצק שטייען (פון רעכטס): משה שניידערמאַן ז"ל, פראַנקע ווילנדאָרף, גוטע צעשינסקי, שלום גאָלדשטיין און פייבל אורבאַך. אין זכרון האָבן מיר זיך אויף שטענדיק איינגעקריצט די ווערטער פון באַשע סטופ ז"ל, וועלכע האָט זיך געפונען אין אָטוואָצקער געטאָ, נישט איינמאָל געקוקט דעם טויט אין די אויגן. איצט איז זי געשטאַנען ביים דאָזיקן שטיין און מיט אַ טפּאַזאָטישער שטים דערציילט וועגן יענע גרויליקע יאָרן אין געטאָ. אַ ציטער איז דורך איבערן לייב און דאָס בלוט האָט געגליווערט אין די אָדערן.



**אויף די חורבות**

מאַרק ראַקאָווסקי ביים הויז ווו עס האָט געוווינט דער פוילישער שריפטשטעלער און נאָבל־פּרייז־טרעגער וול. ריימאָנט. מאַרק ראַקאָווסקי איז אין בוך פאַרטרעטן מיט אַן אינטערעסאַנטער אַרבעט וועגן זיין צוריקקער אין די לעצטע יאָרן אויף די חורבות פון יידישן ישוב אין אָטוואָצק.



אויף אַ קבלת־פּנים אין חיפה פאַר שלום גאָלדשטיין, פאָרשטייער פון דער אָטוואָצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין פאַריז.

די אידעע פון אַרויסגעבן אַ יזכור־בוך נאָך אונדזערע אומגעקומענע יידישע קהילות אָטוואָצק־קאַרטשעוו. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט מיט דער אָטוואָצקער לאַנדסמאַנשאַפט אין ישראל און מיר גלויבן, אַז אונדזערע ביידע געזעלשאַפטן פראַנקרייך—ישראל וועלן כסדר אָנהאַלטן דעם קאָנטאַקט און עס וועט אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט ווערן די פאַרבינדונג און צוזאַמענאַרבעט פון אונדזערע איבערגעבליבענע פריינט און חברים פון אונדזער אַלטער היים־שטאָט אָטוואָצק אומעטום ווו זיי געפינען זיך.




# אונדזער חוב

איבער דרייהונדערט יאָר האָבן יידן געוווינט אין קאַרטשעוו, דורכגעמאַכט פאַרשידענע צייטן — האָט י. זלאַטקאָווסקי געזאָגט ביים אַנטהילן די מצבה צום אָנדענק פון די קאַרטשעווער קדושים אויפן הר־ציון אין ירושלים — אַ פילפאַרביק יידיש לעבן האָט דאָ געשפּראָצט, געשלאָגן טיפע וואָרצלען און צעשפּרייט צווייגן. דאָ האָבן געלעבט אונדזערע טאַטעס און זיידעס. דאָ האָט די יוגנט געטרוימט וועגן אַ בעסערן מאָרגן.

געווען און נישטאָ מער.

ווען די האַק פון היטלעריסטישן תלין האָט זיך אַראָפּ־געלאָזט איבערן יידישן שטאַם אין אייראָפּע, איז אויך אונדזער שטעטל פאַרשניטן געוואָרן.

אַ שטעטל מיט יידן איז אומגעבראַכט געוואָרן אין די גרעסטע פּיין, אין איבערמענטשלעכע יסורים. געבליבן זענען בלויז יחידים, געציילטע רעשטלעך פון אַמאָל־פאַרצווייגטע משפּחות. און מיר, די אייביקע אבלים קענען נישט פאַרגעסן אונדזער היימשטעטל מיט אונדזערע נאָענטע און טייערע. אין אונדז הערט נישט אויף צו לעבן דער דראַנג צו פאַראייביקן קאַרטשעוו, צו צינדן יזכור־ליכט צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים וטהורים.


**שלמה ראָזענבלאַט**, איינער פון די קאַרטשעווער יידן, וואָס זענען איבערגעפירט געוואָרן אין אַמוואָצקער געטאָ און זענען דאָרט אומגעקומען. ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ טיפּ פון אַן איידעלן און אָפּגעהיי־טענעם ייד, וואָס האָט גע־טראָגן אויף זיך דעם עול און די אחריות נישט בלויז פאַר זיין הויזגעזינט, נאָר אויך פאַר נאָענטע און ווייטערע משפּחות און איז מיט טויזנטער פעדעם געווען פאַרבונדן מיטן שטעטל, פול מיט אהבה צו יעדן ייד.

אין קאַרטשעוו האָבן די דייטשן געמאַכט דעם אַרבעטס־לאַגער, ווו עס זענען פאַרפייניקט געוואָרן קאַרטשעווער

און אטוואַצקער יידן. די גאַנצע געגנט אַרום איז דורכ־
געזאַפּט מיט פאַרגאָסן יידיש בלוט. האלבלעבעדיקע האָט
מען פאַרשיט די משפחות רובין און ליפשיץ אינעם גרוב,
וואָס זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן אַליין צו גראָבן. מיר
וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן די גרוויליקע בילדער, דאָס
טרייבן אשר שיינמאַן אין יענעם ווינטערדיקן טאָג אַ באָר־
וועסן אויפן מאַרק און צווינגען די באַפעלקערונג צוצוקוקן
צום דערשיסן אים.





מנחם־מענדל קלערמאַן, גע־
בוירן אין קאַרסשעוו, איז אַלס
ניין־יאָריק יינגל געקומען מיט
זיינע עלטערן קיין ישראל
און אַלס זייענדיק פופצן יאָר
האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין
הגנה און בעת דער צווייטער
וועלט־מלחמה אַנטיילגענומען
אין די קאַמפן פון דער יידי־
שער בריגאַדע. זיין פאָטער
ישראל־יצחק שרייבט אין בוך
וועגן דעם קאַמפסוועג פון זיין
העלדישן זון, וועלכער איז גע־
פאַלן ווי אַ העלד אין דער באַ־
פרייאונגס־מלחמה. דאָס בילד
וואָס ווייזט ווי ער פוצט מיטן
האַקנקרייץ זיינע מיליטערישע
שיך, האָט ער פון לאַנדסבערג
מיטגעשיקט צו זיינע עלטערן אין ישראל. ער האָט גענומען
נקמה פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט פון יידישן פאָלק.





דער שבתדיקער טאָג אין „זאַפּיוווקע" אויפצומאַרגנס נאָכן ערשטן
באָמבאַרדירן אטוואַצק. מיר זעען דאָ ביים גראָבן אקאַפּעס ישראל
זלאַטקאָווסקי צוזאַמען מיטן ד"ר מאַרגולים, וועלכער איז שפּעטער
אַוועק אין דער פּוילישער פּאַרטיזאַנער־אַרמיי „אַרמיאַ לודאָוואַ",
ווו ער האָט אָנגעפירט מיט דער צענטראַלער געזונטהייטס־
אָפּטיילונג. היינט איז ער דאָצענט אין וואַרשע און פירט אָן
מיט איינעם פון די גרויסע שפּיטאָלן.

אייביק וועלן מיר אָפּהיטן אין אונדזער זכרון די העל־
דישע האַלטונג פונעם קדוש ישראל־יצחק קליינמאַן, דער
פורמאַן, וואָס האָט פאַרן דערשיסן אים אַ שפּיי־געטון אין
פּנים פונעם דייטשן הענקער.

די דאָזיקע מצבה שטעלן מיר צום אָנדענק פון די אַלע



שלמה, זון פון יצחק רובי־
נעבוירן אין קאַרסשעוו, גע־
לעבט אין אטוואַצק, דורכגע־
מאַכט געטאָ, לאַגערן, נאָך
באַפרייט ווערן געקומען מיט
עלית הנוער קיין ישראל, גע־



נומען אַנטייל אין די באַפריי־
אונגס קאַמפן, אין דער זעקס־
טאָגיקער מלחמה, אויסגע־
צייכנט זיך מיט געוואַגטקייט
און גבורה.

אומגעבראַכטע נאָענטע און טייערע, מיט זייער גאַנצער
גייסטיקער עשירות, וואָס מיר היטן אָפּ הייליק אין
אונדזערע הערצער און דערציילן וועגן זיי אונדזערע
קינדער און קינדס־קינדער, ביזן סוף פון אַלע דורות".



**ישראל זלאטקאווסקי**, צווישן א גרופע קארטשעווער און אמוואצ־
קער ספארטלער, בחורים און מיידלעך, אויפן מעראן־בארג,
ווו מען פלעגט אזוי אפט זיך ארויסלאזן אויף אויספלוגן, געצונדן
שיימערס און ביי די פייערן געחלומט וועגן וועלט־דערלייזונג,
וועגן א ליכטיקער צוקונפט פארן יידישן פאלק, פאר דער
גאנצער מענטשהייט. וועגן זיי, וועגן זייער לעבן, חלומות, פאר־
מעסטן און אומקום שרייבן די איינצלנע פון דער שארית הפליטה
פון די קארטשעווער יוגנטלעכע און דערוואקסענע אין מגילת
קרצ׳ב אין דאזיקן בוך.

**ערשטער אליארם**



גרופעס יוגנטלעכעביים גראבן אקאפעס אין אמוואצק. צווישן
זיי געפינען זיך: משה גאלדשטיין, יצחק ריבא, נטע סעמעלסאן
און נדערע, וואס האבן נישט דערלעבט די באפרייונג.



**די געלע לאטע**

מיט פארשידענע שפילן און אויך מיטן שפיל אין קארטן, ווי
אויך אויף פארשידנערליי אנדערע אופנים האבן די מענטשן
אין אמוואצקער געטא געראנגלט זיך מיט די לעצטע טראפנס
צייט, פארטריבט דעם וויימיק, דעם געשריי פון הונגעריקע
קינדער, די פארשעמטקייט פון דער געלער לאטע אויפן ארעם.



כאטש עס האט געברענט דער באדן אונטער די פיס, געיאגט און
געפלאגט, דערנידריקט און געשלאגן, אונטערדריקט ווי די ערג־
סטע קנעכט, און יעדער אחדיה אין אט דער גיהנומדיקער
עקזיסטענץ, האבן דאך די בייזע ווינטן נישט אויסגעלאשן דעם
מוט ביי די יונגע און דערוואקסענע אמוואצקער יידן, ביז צו
דער לעצטער מינוט האבן זיי געחלומט דעם לאנגן דורותדיקן
חלום פון דערלייזונג, וואס קומט צום אויסדרוק אין דאזיקן
יזכור־בוך.

# זכור אל תשכח!



↑

ביים שטיין אויפן ברודער־קבר, נעבן הערבאכערס ווילע: פראנקע לעדערמאַן, פרוי פאניצמאַן און איר מאַן משה מיט זייער זון און ה. לעדערמאַן. צו דער יאָרצייט נאָך דער ליקווי־דאַציע פונעם אטוואָצקער געטאָ האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים אַנדענק־שטיין הונדערטער מענטשן און אויך דעלעגאַציעס מיט קרענץ פון פוילישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

←



## מיר פאַראייביבן דעם אנדענק פון אונדזער קדושים אין די חרוב־געוואָרענע קהילות אטוואצק און קארטשעוו.



צווישן די אַנוועזנדיקע אין קעלער פון אומקום אויפן הר־ציון אין ירושלים ביים אַנטהילן די מצבה נאָך די אטוואָצקער און קאַרטשעווער־ קדושים זענען פאַראַן: אסתר אונגער־גייער, שלמה רובין, לייבל ליפשיץ, צפורה הורוויץ־שטיינמאַן, רבקה גאנמארסקא־באראצקי, זלאטע מארקוספעלד־קאלקאווימש, אברהם פאַסטעאַרסקי, משה פאניצמאַן, חנה יעדוואב, ישראל־יצחק קלערמאַן, ישראל זלאטקאָווסקי, גיטל קלערמאַן־קויפמאַן, חנה פאַסטעאַרסקי, יערוואב א. א. דאַ, ביי די מצבות נאָך אונדזערע קדושים בלייבן מיר שטיין אין טיפן שווייגן, זענען זיך מתייחד מיט זייער אַנדענק, צינדן אָן ליכט און עס זעט אויס ווי אַרום די קליינע פלעמעלעך וואָלטן געפלאַטערט די נשמות פון די אומגעקומענע. דור נאָך דור וועלן דאָ קומען, איבערלעבן די שעה פון שטומען טראַכטן איבערן גורל פון אונדזערע קהילות, פון אונדזער פאָלק.



# על הסף

**שמעון קאנץ**

— א —

אוטבוצק וקרצ׳ב.
חייהן הקצרים של קהילות אלו היו רבי־עצמה ומעש בכל שטחי המאמץ האנושי, בכלכלה וארגון, ביצירה רוחנית ומנהיגות ציבורית, בתורה ובמעשים טובים. אנשי אוטבוצק וקרצ׳ב היו פעילים ותוססים, עבדו ולמדו, חלמו על גאולתם ולחמו על קיומם.

אכן היה זה קיום בתוך מיטת סדום, אולם ביחד עם זה היו אלה חיים מלאי אינטנסיביות, מלאים אבל כבושים, עשירים וצנועים, נושאים עמהם נזרי אנוש ותוססים שעוד לחלוחיות פולקלוריסטית שפוכה עליהם, והאגדה והמציאות טרם נתפרדו ברגשות החזקים והעמוקים עד למאוד.

לו הייתי היסטוריון המבקש לגולל יריעה רחבה, תמונה רבתי של תולדות עם על פי דוגמה בזעיר אנפין, ולו הייתי מבקש כסופר לחבר אֶפוס על עולם ששקע, על גווני־גווניו השונים, על כל הגלוי והסמוי והנרמז שבו, על המציאות שכפו עליו אחרים והמציאות הנכספת שהיתה כולה שלו — הייתי ללא היסוס חושב את אוטבוצק היהודית לדוגמה מתאימה. היא היתה טיפוסית, עיירה ככל העיירות, ואנשי אוטבוצק אומרים זאת לא מתוך ביטול, כי אם להיפך, מתוך רגש גאוה, מהול אהבה, אולם הם יודעים כי יחד עם זאת היתה גם יוצאת דופן, יוצאת מהכלל במקוריותה משאר העיירות שבפולין.

קשורים בה שמות מפורסמים של אדמו״רים וסופרים, של משוררים ומנהיגים וגילמה את כל הצדדים המהותיים של הגורל היהודי בדורות האחרונים; כל דפוסי הקיום וכל רחשי רוח ואידיאולוגיה מצאו להם ביטוי בקהילת אוטבוצק; המאבק בין הישן והחדש, המסורתי והמהפכני, יסורי־התפוררות וחבלי־לידה של עולמות הורגשו בה באופן מכאיב.

השואה החריבה אותה כליל כמו שהיא מחקה מעל פני האדמה מאות קהילות יהודיות אחרות.

יחד עם הרחוב היהודי, עם אוצרות התרבות היהודית נמחקו גם קהילות אוטבוצק וקרצ׳ב, נשמדו העדות והתעודות. המקור היחידי לשוות לנגדנו, במידה הראויה, את קטעי עברנו הקרוב, הריהו כוח הזכרון האנושי. לפיכך שאפנו, בכל מידת האפשרות, לשאוב ממעין זה.

מובן מאליו, שאנו מכירים היטב שזכרון אנושי לקוי בחסר ובמוטעה; אולם, מאידך, גלוי וידוע לנו שגם מעיין זה לא יפכה תמיד, וכאשר נמהר לשאוב ממנו — כן ייטב לענייננו.

— ב —

תמיד נוגע עד הלב מחזה היגונים הרונים של סיעות יונים, המתייגעות בבנין קנן, והן באות מפעם לפעם ביעף, בציוץ שוקק ובהמיה רבה, ובפיותיהן חליפות עלה־טרף, גבעול־קש, גרגיר־עפר, קורטוב־טיט או כל שהוא פירור, תרומת חמרי־בנין להקמת משכן לעתיד לבוא.

רבות התחקיתי למראה עינים על המעשה הזה בחזיון הטבע, אף רבות קראתי על זאת בתיאורי הסופרים, היודעים בינה בארחות הצפורים. אך לא אדע אל נכון ולא מצאתי כתוב, אם עדת היונים נושאת את משך הזרע לבנין רק ברינה או גם בקינה, רק בחמדה או גם בדמעה.

מסתבר, כי גם בדמעה, מאחר שקן היונה עשוי בדבק טוב — ומה טוב לדבק מן הדמעה?

ומסתבר גם בקינה, שאם לאו, מנין אותו נועם מתוק־מרירי, הבוקע ויוצא מציוץ היונה בעת עשותה במלאכה, לחמם את הנפש הקשובה ולמצוץ את הנשמה הנוהה אחרי כל קול בכות, קול בהדר, קול בזמר וקול בבכי?!

אותה הקינה בוקעת ויוצאת גם ממלאכתם של אנשי אוטבוצק וקרצ׳ב, שרידי השרידים, בהסיעם בהמית־רגשות חמרי־בנין, זיקוקין של זכרון; עלי־טרף מעץ־החיים הגדול, גרגירי־רשמים, קורטוב של סיפור או תיאור, צלם ונוף וקלסתר־פנים, זמר וגניחה ורישום, כל קול ובת־קול מן העבר — לבנות לא קן לעתיד לבוא, כי אם צלם־דמות של קן בעבר, קן של מעלה לעיירה של מטה, קן שבחזון, קן להשארת־הנפש של הגוף ההרוס, מצבה של רגשות אהבה וכיסופים, תוכם רצוף אש־דמעה לעיירה, מקור מחצבתם להם ולאבותיהם.

— ג —

לא הייתי אחד מהם למשא הזכרונות ולנטל החמרים לבנין, כי לא בן־אוטבוצק הנני, אך מסבב הנסיבות הביאני להיות מנצח על המלאכה, ומה מאוד נפלאתי לראות את חרדת אהבתם לעירם כי רבה, את גודל צמאונם של כל איש ואיש מהם לאמר לבאר־הזכרונות: „עלי!"

ראיתי את מרבית דאגתו של כל אחד מהם להוסיף קו, להעלות עוד דמות ועוד חזיון, לבל ירד לטמיון, חס ושלום, זכרונה של נפש אחת, של בן־עיר זה או אחר, בין אחד מ„פני" העדה, בין מדלת העם, בין נגיד בקהילתנו, בין מלמד דרדקי.

ראיתי איך נתעוררו שרידי־אוטבוצק, בארץ ובחוץ לארץ, והריצו את תרומתם בכתב ובעל־פה, פרשיות־זכרון ביריעה גדולה וביריעה קטנה, לא נבדלה הקטנה

מן הגדולה, כי אפילו התרומה המצערה תוכה רצוף אהבה גדולה, וכמוה גדול הכאב, כאב בנים שאפילו לא גלו בשעתם מעל שולחן האבות, כי אם הלכו בשמחה למרחקים לכונן להם מעמד בעולם. אמנם לא רבים היו הנועזים אשר — מודרכים כאילו על־ידי ההשגחה — יצאו בעוד מועד להכין מקומות מקלט ונקודות מוקד חדשות לקיום ישראל במולדת העתיקה ובעולם החדש, ובכל מקומות חדשים האלה השאירו רשומם, הלא הניחו את שולחן האבות על מכונו ואת עיירתם על תלה וקשר הרגשות בינם לבין עיירתם משתלשל והולך אחריהם למרחקים, עד אשר באה השואה הנוראה.

לא יפלא, איפוא, כי מכיוון שנכנסתי למחיצתם של אנשים אלה נדבקתי חיש מהר בהתלהבותם, ואף עיני־רוחי כמו נפקחו וראיתי את עצמי כאוטבוצקאי לכל דבר, לאותה ההתמכרות לעשיה, לכובד־הראש ומסירות הנפש, בהם נעשה הליקוט, הניפוי והחיבור, העריכה, ההדפסה וכל השיתוף הנדבני, ואז הרגשתי את המשהו שייחד את אוטבוצק בין שאר קהילות הקודש.

— ד —

ויווכח הקורא מהתיאורים המפורטים כי כל צבעי הקשת היו מיוצגים באוט־בוצק, מקיצוני החסידים בחצרות האדמו"רים עד לקומוניסטים, רבים היו שם בעלי־המלאכה: הסנדלרים והרצענים, החייטים והזגגים, הנפחים, הנגרים, האופים, הקצבים והעגלונים, הרוכלים, יוצאי עליות־גג ומרתפים שעסקו בכל המלאכות למיניהן, שהקיפו את צרכי החיים בימים ההם. חייהם הכשרים של כל אלה לא היו חיים קלים. בזיעת אפיהם אכלו להם ובירכו עליו את ה׳ וללא כל ערעור קבל הגוף את מרותו של הרוח, מרצון מסר לו את הבכורה, כי במערכי החיים הפנימיים לא היתה סמכות הכופה את רצונה בכוח. גרם המעלות בתוך הקיבוץ היהודי באוטבוצק נוסד על זיקות שבנפש, שאופיין היה אופי יהודי מובהק.

יהודי אוטבוצק לא זנחו את חינוכם ותרבותם אף ברגעים הקשים ביותר. דאגתם הראשונה היתה להקנות דעת לבניהם. מוסדות חינוך רבים היה בעיירה, חדרים, תלמוד־תורה וישיבות, בהם למדו פעוטי ישראל תורה כבר מגיל ארבע.

בשעות הבוקר המוקדמות נראו ברחובות אוטבוצק נערים נחפזים לבית־תלמודם, לחדריהם, ללמוד תורה מפי הרבי, ולבתי־הספר היסודיים. עם סיום הלימוד בחדרים היו כאלה שפנו לישיבה, שהיתה גולת הכותרת של החינוך המסורתי. אחרים יצאו לבתי ספר תיכוניים והיו כאלה שהמשיכו באוניברסיטאות בוורשה ומחוץ לגבולות פולין.

מבחינה נפשית ורוחנית הרגיש עצמו היהודי באוטבוצק במקום חיותו, ככל שיתכן הדבר על אדמת נכר, תחת אפו של שלטון עוין. השלטון, אמנם שלטון עריצים, טרם חדר לכל תאי החיים, וככל שיכלו היהודים להתעלם ממנו, לשכוח מציאותו, עשו כן. היהודי האמיד והיהודי הדלפן — כולם מצאו את יניקתם הרוחנית באותיות המרובעות שלנו ועיקר תענוגתם היה דף גמרא, פרק משניות, קטעי עין־יעקב, סעיפים ב„חיי אדם", או פשוט אמירת תהילים בצבור או ביחידות, כל אחד לפי דרגתו ולפי החברה שהיה שייך לה. כל אחד ואחד השתבץ במשבצת היאה לו ובא על סיפוקו — לא רק סיפוק נפש, כי אם גם סיפוק שבהנאה ובתענוג, פשוטם כמשמעם, יהודים התחדשו והתרעננו ברוחניות.

— ה —

עיירה של בתים נמוכים והווילות ביער של ברושים ארוכי־צל, שם הגיעו מכל קצווי הארץ חולים מכל השכבות, יחסנים ודלי־עם, בזבזנים וקבצנים, שוחרי־קדמה, נימוסים וטקסים, ואדוקי־מסורת, ארוכי־איצטלה, החגורים בחגורת־חבלים; מגבעות רבניות גבוהות ועינים מושפלות, שייסוריהם באו להם מן התורה ואשרם בא להם מן התורה, נושכים את שפתיהם היבשות וסופגים בחשאי זיעתם הקרה; שתקנים שהם פטפטנים בפנימיותם, ופטפטנים השותקים על העיקר שבהם; ותרנים, העומדים כל חייהם כעני בפתח, ואנשים ההולכים בעזות רבה — נדחקים בכוח מרפקיהם לחדר הרבי.

שמה של אוטבוצק נישא על כל לשון והתפשט מעבר לגבולות פולין והוסיפו לשמה המוכר ומהולל כעיירת מרפא „חצרות" האדמו"רים, אליהם זרמו חסידיהם־מוקיריהם מכל הארץ. כאן היו חסידים „יושבים" (כלומר, קבעו פה את ישיבתם) ו„נוסעים". והיו צדיקים גדולים והם אהבו את חסידיהם, כי יש ביניהם גדולים, ועיניהם היו קורנות ועצובות עד לאין סוף, וכך היה הרבי מאוטבוצק מתפלל: „רבונו של עולם, תן לי את הכוח להיות אוזן לאדם! בני־רחמנים אנו, אבל כמה יש בעולם אנשים לא מרוחמים, מסובלים בייסורים. אוטבוצק, עירת־מרפא, אולם הרבה מחלות באות לו לאדם מרוב עצבות, אבל גם שמחה של מקבלים בלבד היא חצי־גט לעולם הזה... נשמות ערומות, נשמות עולות ויורדות, נשמות נידחות. אנשים דוחפים — ורבים הדחופים ובהולים... רחם פירושו אהוב!".

והרב מאמשינוב שקבע חצרו באוטבוצק, היה אומר: „המחלה מביאה לידי בריאות, דווקא המחלה!"

והרב ממודז'יץ יצר באוטבוצק את ניגוניו, המרוממים את הנפש ומעוררים רחמים רבים, קראו לחסידיו לצאת מהרגילות ומהקרירות והיו כאלה שיצאו מגדרם ועל־ידי ניגון וזמרה הגיעו עד לידי מדרגה עליונה של התלהבות...

חיות ותמימיות לחיי העיירה הכניסו גם הרבי מקוז'ניץ והרבי מפוריסוב. הקוז'ניצר היה אומר: „חסידות בחינת התפעלות היא רק צד אחד של הענין. הצד השני — עשיית סייג להתפעלות. אף זו היא מידת חסידות, יסוד איתן בה"... הוא הזהיר שלא לדחוק את עצמו יותר מדי, לא לעשות רעש בעולמות העליונים, לא להתלהב הרבה... ועיקר מגמתו היתה לקרב בעלי־תשובה. ה' מדבר — היה אומר — ויש להחזיר לו תשובה.

— ו —

הרבה דרכים בחסידות וכל דרך מצאה את גילוייה ב„חצרות" אוטבוצק, כי אין לך דוגמתה בין ערי־פולין ולכן ראו בזה אורח־חיים גם אלה הבנים שעלו על דרך החול והחידוש, בין שהיו שופעי־מבצעים במסחר ופרקמטיה, בתעשיה ומלאכה, בשדה ויער, בבאנק ובקואופראַטיב, ובין אלה שמאסו לשבת על געש־הנכר ומצאו את מקומם בתנועות החלוצים והמעפילים.

כדורות ראשונים אף דורות אחרונים באוטבוצק נאלצו להלחם לאויר ולאור, לזכות ולכבוד, לעבודה ולפרנסה, אולם משהונח פתח, ויהא זעיר ביותר, לרווחה־פורתא על דרך אפשרות של חיים ועשייה, עלה מקרב המוני־העם ויחידיו נחשול של יוזמה, של כשרון־מעשה ושל יכולת־פעולה, ואין לך פינה בעיר והסביבה, שלא קדחה בה ידם הבונה של יהודי־אוטבוצק.

ומי יכול להזכר ללא רטט באידיאליזם לאין־גבול, במסירות הנפש המופלאה של העסקנים הציוניים, בשלהבת האומץ וההקרבה של הנוער החלוצי. ומדפי הספר עולה באזננו הזמרה או המחול של הורה סביב מדורת אש ביער. ואמנם לא היה כמעט צעיר או צעירה שלא השתייך לאיזו שהיא תנועת נוער בעיר, ופעולתם רבת־מתח, מלאת־תוכן, רגש והתלהבות, למען הגשמה חלוצית בארץ־ישראל.

באהבה ובגעגועים נזכרים בני־אוטבוצק בתנועותיהם ומספרים את קורותיהן מבחינתם הם, ושופכים אור מבפנים על לבטיהן, נצחונותיהן וכשלונותיהן, וגם על יחסיהן ביניהן לבין עצמן.

כל סקירה וסקירה נכתבה בידי אנשי־התנועות והמפלגות, ונתנה למחברים חופש גמור לספר את תולדות אירגוניהם ומפלגותיהם, והקורא יוכל, איפוא, לעשות השוואות וימצא את המאחד, את הסינתיזה בחיים ובמאבק, שהיא דרך עליתה וירידתה של קהילת אוטבוצק, שנחרבה ולא תקום עוד, כאשר לא תקום יהדות פולין רבת־הסבל וגדולת היצירה הלאומית.

יהודי־אוטבוצק וקרצ׳ב הרגישו עצמם חלק מן העם היהודי הגדול, ההולך לקראת תחייתו וגאולתו, ואינו מוכן לקנות את שוויונו במחיר וויתור על ייחודו ותקומתו.

מובאים בספר זה בהרחבה פרקי הווי, שבהם משתקפים חיי יום־יום של הצבור היהודי באוטבוצק והסביבה, על החליפות והתמורות שחלו בחייהם והליכותיהם במשך הזמן, ומוגשים פרקי־זכרונות מעניינים על הפעילות התיאטרונית והמקהלות על־ידי עסקנים שפעלו הן באורח עצמאי והן על־ידי המפלגות והאיגוד המקצועי.

— ז —

הפעילות התרבותית בשפת יידיש ידעה תקופת פריחה בקהילת אוטבוצק והיתה ביטוי נאמן להווי חברתי מסויים מאחר שהמוני הנוער ששפת דבורם היום־יומית היתה יידיש, קיבלו באורח טבעי את התפתחות הספריות, הצגות החוג הדרמטי, הנשפים הספרותיים, ההרצאות של סופרים־אורחים, אשר רבים מהם ישבו ישיבת־קבע באוטבוצק, כגון שלום אַש, אנסקי, סגלוביץ׳, י. י. זינגר, י. מסטבוים, ה. ד. נומברג, י. מ. וויסנברג, א. קגנובסקי, פרגר, י. מ. רוזן, ועוד הרבה שביקוריהם הפכו לאירועים ספרותיים חברתיים חשובים בחיי אוטבוצק.

סביר, שביקורי התיאטרונים והופעות הקריינים הנודעים מילאו תפקיד חשוב ביצירת הווי־תרבות בישוב היהודי המקומי.

חייה התוססים של אוטבוצק היהודית מצאו להם ביטוי נאמן בהעלאת זכרונות על פעולת המוסדות בקהילה, אם זה בית היתומים „צנטוס" ואם זה קופת גמילות חסדים שעשתה רבות למען סוחרים ובעלי־מלאכה במאבקם הקשה למען קיומם; ובמיוחד „ביקור חולים", שפעל רבות לעזרת חולים מחוסרי־אמצעים שנהרו לאוטבוצק מכל רחבי פולין; „תומכי־חולים" שדאגו למחסורם של השוכבים בבתי־חולים ומרפאות; „הכנסת כלה", „תומכי עניים" וכו׳. מי ימנה ומי יספור את מידת התנדבותם של יהודי־אוטבוצק לכל פעולות עזרה הדדית שחרגה הרחק מעבר לגבולות העירה; מי לא זוכר באיזה התלהבות נחלצה יהדות אוטבוצק לעזרת מגורשי גרמניה בחורף 1938 שהגיעו בהמוניהם לעיר וסביבתה? איך „רבו" על הזכות לארחם ולחלק אתם את לחמם.

ערך רב נודע לבתי־כנסת ומוסדות תורניים באוטבוצק. רב־אנפיותם של החיים

היהודיים באוטבוצק, ערנותם הציבורית, צמאונם לדעת ולתורה, נכונותם למעשים טובים ולהגשת עזרה סוציאלית שלא על מנת לקבל פרס; מעלים לפנינו בספר זכרון זה דמויות מבני קהילת אוטבוצק, דמויות אצילות של תלמידי־חכמים ופקחים, של פרנסים ועסקנים, ושל אותם הצנועים והאלמונים, שאיש לא ישא נאומים חגיגיים לכבודם, בני תמותה פשוטים ודלים, אולם אלה שראו אותם בעלבונם וגדולתם, בשלומם ומחלוקתם, ביאושם וביחול לבבם, בששון תענוגם ויגון קיצם, הכירו אותם יפה, ובקיאים בארחות־חייהם, במחשבותיהם ובחוויותיהם — יודעים לספר עליהם ועל עצמם, לתאר את החכמה ואת הפקחות, את הקדושה וכל אותן המדות הנעלות שהיו בהם.

כמו־כן מובאים פרקי־זכרונות כלליים ומשפחתיים, המרחיבים את יריעת ההיכרות עם חיי החברה והמשפחה באוטבוצק היהודית.

— ח —

נעלה מכל ספק שאילו קיבל את החומר שהוגש בספר זה בטרם הדפסתו אדם שאומנותו מדעי החברה והיהדות, היה יכול לכתוב עבודה מקיפה, אולי גם מעמיקה, בתולדותיה, חייה, מהותה, תוכנה, תרבותה והברתה של הקהילה הצעירה באוטבוצק. אולם אנו לא התיימרנו למצות את כל תהליכי התפתחותה של הקהילה, את מאבקם וכל לבטיהם הפנימיים. כל מה שנכתב פה, הוא פרי־עטם של אנשי העם, אשר לא היו ואינם מתיימרים להיות סופרים בישראל; בזה אנו רואים את ערכו המיוחד של הספר, אשר הפשטות והבלתי־אמצעיות מאפיינים אותו.

תפקידו היחידי של ספר זה הוא לשמש עדות חיה לקהילה שנספתה באימי השואה, כפי שהיא מצטיירת בעיני בניה־בוניה־שרידיה בישראל ובתפוצות.

שומה היה על המערכת למלא את המשימה הראשונית הזאת. ואמנם ככה הוגדרה הפעולה שהיתה כרוכה באיסוף החומר, ניפויו, עריכתו והדפסתו כספר זכרון של הקהילות אוטבוצק וקרצ'ב.

בתקופה זו של תיעוד החיים היהודיים והנצחתם בעשרות ומאות ספרי־זכרון טרם הגיעה שעתו של החוקר וההיסטוריון. הדור אשר מבשרו חזה אימת־האימים של השואה, שטרם היה כדוגמתה בתולדות עמנו, חי עדיין. שום עבודת־מחקר לא תצלח היום להקיף את מימדי החורבן מזה ולהקים מיבנה אדריכלי מושלם ואחיד שיתאר את החיים על כל שלל־גוניהם מזה.

סבירה איפוא הדרך אותה נקטו העורכים של ספרי־ההנצחה, למסור חומר תיעודי, לאסוף מיסמכים, רשמים, עדויות, מאמרים, סיפורים, שישמשו גם עדות חיה לקהילות ישראל שהושמדו על־ידי האיומה שבחיות־הרצח שהולידה האנושות, וגם מקור נאמן לאנשי המדע ולהיסטוריונים לימים יבואו להקים בנין מדעי והיסטורי מפואר לשליש עמנו שנספה בשואה והיה מקור חיים והשראה לדורנו ולדורות הבאים אחרינו.

טרם בא המועד לבנות את הבנין המדעי. עוד מתינו לעינינו ועוד ערי־מולדתנו מלפנים מתאבכות תמרות עשן ונחלי הדמים של נבוזראדן מרתחים ומשאגים בקול גדול וחזק.

לא עת היא בדורנו אשר ראה את השואה בשבט עברתה למסכת גדולה ומקיפה.

אופי ספציפי זה של הספר העמיד לפני כותב הטורים את הבעייה הפשוטה והמסובכת כאחד: כיצד עורכין?

טבע הענין מחייב, שמצבה כזו, שידים רבות עושות בה והיא מחוברת מתרומות של לבבות רבים, הומים ומתרפקים, ושל פיות רבים הגועים בזעקה גדולה „חבל על דאבדין", שאין היא עשויה מקשה אחת, אף אינה מגיעה למרומי היכל שזוויותיו חטובות. הנקל היה לשכתב את כל החומר בסגנון אחיד, סגנונו של העורך, והספר המודפס היה מופיע בלשון מפורשת, כפולה ומכופלת וגם רבת־הקישוטים ומעולפת יופי מוצק קפדני.

אולם לא זאת היתה המטרה שעמדה לפנינו כשנגשנו לעבודת הכתיבה והעריכה, לאיסוף המאמרים, הרשימות והזכרונות של בני־אוטבוצק, עיר האדמו"רים ועיר אנשי־עמל, עיר של עממיות יהודית שוקקת. רצינו שהזכרונות והתיאורים ימסרו בכנות את חיי הכלל והפרט, את המיוחד ואת המאֻחד, את הצד השווה ואת הצד שאינו שווה, לראות לא פרצוף סתם של אדם ועיר, אלא קלסתר פניו של האוטבו־צקאי, שאין להחליפו באחר, אוטבוצק של מעלה ואוטבוצק של מטה, היושבת על הויסלה וסמוכה לורשה, בירת פולין.

רצינו שימסרו בדבריהם וברשימותיהם הדים נאמנים מאורח הדיבור והכתיבה, כפי שנשתמר בזכרונם, אותו הלך־החיים המשומר בכל, אותו החידוד הנאה, אותה הבדיחה העסיסית, כפי שנשמעו בחוצות אוטבוצק ובבתיה.

משום כך נודע ערך רב לעריכה זהירה, שאינה מקפחת את עסיסיותם הראשונית של הדברים הכתובים, ואם גם כתובים ברפיון ידים חלושות, אך כנים וצנועים פועלים עלינו לא רק בחידוש שבהם, כי אם בזה שהם מעל לכל ישן וחדש — ברטט הנשמה.

דרך זו נקט העורך כשלנגד עיניו העקרונות: הבריחה מהאפקטציה והאס־טטיות, כביכול, אל ההתירה לאמת ולמשמעותה האחראית; בדיקת המקורות ואגירת הפרטים המדוקדקים, אולם בהיפך לארחות אנשי־המדע היבשים ואנשי־העט הפיוטיים, הייתי נוטה לרוב לביטוי האוטנטי ולהשאיר את הרשימות ככתבם וכלשונם ולאחר־מכן עריכה ראשונה ושנייה, עד שהוצאנו מתחת ידינו דבר תקין בתנאים הנתונים. והרי עם כל זה אינם חסרים עמקות אישית וכאילו נוצרו מתוך סינתיזה פנימית, המבטאה בסמל המלה את מהות הנשמה, מובילה אל פינות הסתרים שבנפש, ואף אם המלה חלשה, אך מלאה המיה נגשית על כל גדותיה.

כזה הוא הקסם אשר לרשימות ולמאמרים בספר אוטבוצק וקרצ'ב, חן הפשטות העממית העולה מן הכתוב על ידי שרידי־האינטליגנציה, עסקני ופעילי המפלגות בקהילות אלה, אותם הצעירים הנלהבים, החולמים והלוחמים, שראשיהם הכסיפו בינתיים; כל אחד עם פרק מזכרונותיו. כל אחד ועולמו עמו, סגנונו ודרכי־הבעתו וצינורות־יניקתו, אך לעינינו נראים הם כממלאים ומשלימים עולם אחד גדול, אליו אנו חוזרים בהתעוררות חדשה ובהתלהבות־משנה, כי בחזרנו אליהם אנו מתוודעים אל עצמנו, שבים למקורנו.

— י —

בעבודתי על החומר הרהרתי לא פעם על המיוחד ועל המשותף של יהודי־אוטבוצק. בדמויות, באישים והטיפוסים שתוארו בספר בלטו לא הלמדנות או החריפות התורנית של יהדות ליטה ולא הגמישות ותכונות הנימוס, למשל, של יהודי גליציה, למרות שגם כאלה נמנו בין תושבי אוטבוצק, כי אם סגולות כגון תנופה אידיאליסטית רבה, רגש רומנטי וכבוד־עצמי מפותח, הרבה מנדיבות רוח אבירית ויכולת להיענות לטבע.

התכונות הללו הושפעו לא במעט בגלל היותם יותר קרובים לטבע, ליער העבות, מאשר בהרבה עיירות אחרות. הנוף הגיאוגרפי והאקלים הרוחני פעלו את פעולתם, ביודעים ובלא יודעים.

בעמודים הבאים ימצאו הקוראים, אלה שעוד גדלו והתחנכו בעיירה וזכרה חרות בלבבותיהם, ואלה מבניהם שרק את שמה הם יודעים, אך הזיקה הסנטימנטלית או רגש יראה יניע אותם לדפדף בספר המוקדש למקור מחצבתם של הוריהם, תמונת עיירה עשירה ומגוונת, גלריה של דמויות ואישים שונים, והם יהפכו לאפרכסת אחת של לב ואוזן ויקשיבו ללחשי־תפילה ורחשי־אהבה, לשפעת ההדים של חידות־חיים ורזי־אדם המתמזגים במשק כנפיו של הנוף האוטבוצקאי, והם יוכלו לנשום מאוירת עולם ששקע ,נחרב ושאין לו שלומים.

והיה אם ישאל השואל לאוטבוצק וקרצ'ב, לאור הגנוז שבתוכן, לקסמים ונגוהות שנגוזו, אם יש להן עוד שם וזכר בלב בניה, יגיד לו המגיד: אדרבה, פתח את הספר הזה וקרא בו, הלא כעבור בין בתרי־לב כן עובר אתה בין דפי הספר הזה, אשר בו לבבות מפעמים ומתרפקים על דורות האבות ועל חזיון הנופים. קרא וראה, כי חן העיירה על בניה וכי כחותם היא קבועה בלבבותיהם. האם לא נתלשו מלים פשוטות אלו של בני־אוטבוצק וקרצ'ב מלבו הדווי של עם עקוד ושחוט ? כלום לא נתרטטה בהן נימה של קינות־תפילות עתיקות, אותן מלמלו שפתותיהם של הקדושים ברגעיהם האחרונים ? !

— יא —

כותבים אלה שמבשרם חזו את האימים ובמעמקי־נפשם נשתקעו מראות הטבח, והקורא ימצא כאן דין־וחשבון מחריד על קורות קהילות אוטבוצק וקרצ'ב בכלל ועל פרשות זוועה, סבל ומאבק נואש של יחידים, שהחזיקו מעמד ועברו בדרך יסורים איומה עד שזכו לראות במפלת החיה הנאצית ; ועל כן יהמה הלב להחיאת מראותיה, להצלתם מלהבת הכליון, לנצירתם באוצר הזכרונות.

יש בספר מיסמכים אנושיים המזעזעים את נפש הקורא עד היסוד ותיעוד פשעים ורצח שאין האדם יכול לעמוד בהם. בשיח־לב חרישי מתנים השרידים את כאבם, כאב־מעונים, ושומעים בו זעקת־מחאה, תפילתם־זעקם של כל אלה שניתנו לטבח ולמשיסה, שדמם נשפך כמים. תפילה זו רצופה זעם ומרי, פלצות, תדהמה ובלהות שנשתקעו במעמקיהם והפכו חלק מהוויתם. פרק אחרי פרק מעלים הם את השינויים בעיר ובלב האנשים, את הזוועות ואת התדהמה, את הייסורים ואת הגבורה על צורותיה השונות באותם ימים נוראים.

כשאנו קוראים את שפע החומר הדראמאטי המצוי בספר זה, אף במדה גדושה יותר מאשר בספרים אחרים על השואה, את הקונפליקטים המתוארים הבלתי ניתנים

לפתרון, את העימות עם המציאות שאי־אפשר לפגשה בשויון־נפש ואין לדעת כיצד לפעול במסגרתה — לא ייפלא, שעדיין אין בידינו הרומאן הגדול על הימים הללו והטרגדיה השואבת את עלילתה מן החומר הגלמי הזה, כי הרי יומנו של בצלאל פרחודניק, מהנדס־אגרונום, שהיה שוטר בגיטו אוטבוצק עד חיסולו, מוכיח ששום דמיון, ויהיה זה העשיר ביותר, אין בכוחו להעלות תהומות כאלה של ברבריות ויסורים, שיאי הסבל וההשפלה, ופיסגות כאלה של אנושיות וגבורה. הגבורה היתה בעצם מהלך החיים, בהחזקת מעמד יום־יום מול האימים. אצורים בדבריו של בצלאל פרחודניק ושל, יבדלו לחיים, גוטה כץ, קלומברג, ד״ר ולבסקי ועוד ועוד, עינויים ויסורי־שאול, שכל נסיונו של אדם לתת להם מבע במילה — מדוברת או כתובה — מפוצץ כל אמת־מידה ופורץ כל תחום של תאור ודמיון.

טמון בהם עוז על־אנושי לעמוד מול כל האימים, לחוש הרגשת שליחות בוערת לרשום לדורות, להשאיר עדות, לחרות את הזעקה הנוראה בדפי הספר.

„מגילת הגבורה״ מסיימת את ספר הזכרון. בני־אוטבוצק שחשו את השואה וההשמדה עוד לפני שהתחוללו, לא רצו בשום פנים ואופן להשלים אף עם הרצח ומיד עם סגירתם בגיטו חיפשו רבים אפשרות לברוח ולהלהם בפולש הנאצי. מי שהתגייס לצבא ומי שחיפש דרך לפרטיזנים. רבים מהם הקריבו את חייהם; מעטים, מעטים מאוד, נשארו בחיים וגם השתתפו במלחמת הקוממיות בארץ, והדברים שהם מוסרים בספר זה אינם אלא בגדר של טיפה בים של התעלות ומסירות. אולם התיעוד המעט הניתן בזה ידבר בעד עצמו ויעשה את שליחותו, יזכיר לנו מה צריך הזמן הזה לקחת מן האתמול ולמסור אל המחר. שלום גרלינג, גולומביובסקי בראף וחבריהם נותרו זכר לדף גבורה נשגב, עדות חיה לאלה שלא אמרו „הנה דרכי האחרונה״ והם מספרים על יהודים שלא השלימו עם הגורל האכזר ובתוך קדרות האימים ואימת הכליון גילו כוח עמידה שבגבורה, ברחו ליערות והצטרפו לפרטיזנים ולצבאות הלאומיים, ללחום ולנקום; ובהגיעם ארצה בדרך לא דרך לקחו חלק פעיל בקרבות מלחמת השחרור; הם מספרים על העזה, אומץ־לב וחירוף־נפש במלחמה והתגוננות, במחתרת, בגיטו ובחזית; הם מספרים על עלילות גבורה רבות־הוד ובעלי ערך תיעודי רב.

יהא ספר־הנצחה זה תעודת־חיים לגבורתם ותפארתם של קדושי אוטבוצק וקרצ'ב ויהא זכרם שמור לעד בלבות בניהן־שרידיהן והדורות הבאים אחריהם לבנין וליצירה, באמונה שעוד יבוא היום ונעלה את זכר גיבורינו וקדושינו בעולם השוחר אמת ושלום, בעולם שאין סכנת כליון מרחפת על ראשי עמים עמלים ויוצרים.




· Ghetto in Otwock ·
STACHELDRAHT
MITTLERES GHETTO
Nr. 2
KURGEBIET
GHETTO
Nr. 3
RICHTUNG
ŚRÓDBORÓW
WALD
ZEROMSKI - STRASSE
REMONTA- STRASSE
EINGANG
WARSCHAUER - STRASSE
ZERSTÖRTE SYNAGOGE
BANNHOF
EISENBAHN
RICHTUNG WARSCHAU
RICHTUNG
LUBLIN-MAJDANEK
BAHNÜBERGANG
RICHTUNG SWIDER
RICHTUNG LAGER „KARCZEW"
STACHELDRAHT
STÄDTCHEN
GHETTO
Nr. 1
EINGANG m. SCHLAGBAUM
MARKT-
PLATZ
STACHELDRAHT
GHETTO Nr. 1
1) SAMMELPUNKT VOR AUSSIEDLUNG
2) BAZAR
3) MIKWE
4) MARPE
5) SAMMELPUNKT DER 400 PERSONEN ZUM LAGER „KARCZEW"
GHETTO Nr. 2
1) VILLA „KELLNER"
2) MASSENGRAB
3) SANATORIUM Dr. PRZYGODA „JUDENRAT"
4) JÜDISCHE POLIZEI
5) T.O.Z.
GHETTO Nr. 3
1) ZERSTÖRTE SYNAGOGE
2) SANATORIUM BRYUS
3) ZENTOS
4) „SOFIÓWKA" 1 PAVILLON

# העיר וקורותיה

בנין
העיריה
באוטבוצק



דער
שטאָט־ראַט
און מאַגיסטראַט
אין אָטוואָצק

# די
# געשיכטע פון דער שטאט

# העיר וקורותיה

...אוטבוצק היהודית, בעצם ישוב יהודי זעיר, ואף־על־פי־כן היה בה חיים מלאי־אינטנסיביות, עשירים ותוססים, רבי־עוצמה ומעש. כל דפוסי הקיום וכל רחשי־רוח ואידיאולוגיה מצאו להם בטוי בקהילת אוטבוצק: המאבק בין הישן והחדש, המסורתי והמהפכני, יסורי־התפוררות וחבלי־לידה של עולמות הורגשו בה באופן מכאיב.

כל צבעי הקשת היו מיוצגים באוטבוצק, מקיצוני החסידים, אשר היו יורדים מהמדרכה כדי להמנע ממגע עם אשה עוברת מולם ברחוק שני מטר, וצדקניות שהיו צמות כל יום שני וחמישי עד הנוער הנפלא, התוסס והער, שהתעתד לעליה ולגאולה; חסידים ומשכילים, יהודים תמימים וטובים, למדנים חריפים ויהודים פשוטים, אך בעלי לב ומוסר, ובלב כולם דלקו ניצוצות שלולא החורבן היו מתלקחים ללפידים ולמאורעות גדולים.

היו ביניהם אדמו"רים ורבנים, מלמדים ומורים וכולם דאגו, כל אחד לפי הבנתו ושיטתו, לחינוך הדור הצעיר, להפצת תורה, אמונה והשכלה; תורה ודרך ארץ היו מצויים בכפיפה אחת, ואין עינה של אחת צרה בחברתה, עד שעלה עליה הכורת בתקופת השואה, שלא היתה כמוה.

השואה החריבה את קהילת אוטבוצק כמו שהיא מחקה מעל פני האדמה מאות קהילות יהודיות אחרות. דור חדש גדל והולך, דור שלא טעם את טעמה של הגולה, שלא ראה ולא הכיר את אבותינו, את תרבותם, מנהגיהם, חלומותיהם, שמחותיהם, הגיגיהם, כיסופיהם לגאולה, מסירות נפשם והקרבת עצמם על מזבח אמונתם, את כל עברנו רב הצער והיגון, אך גם מלא האור והזיו, ספוג המאבקים והשאיפות הנעלות.

על כל אותו פאר ויקר, שחלפו לנצח, מסופר על הדפים האלה.

שמעון קאנץ

# די געשיכטע פון אַלט=און ניי=אָטוואָצק

אָטוואָצק, וואָס ליגט ביים טייך שווידער, דאָרט ווו ער פאַלט אַריין אין דער ווייסל, געפינט זיך 28 ק"מ פון וואַרשע און געהערט צו די ייִנגסטע יידישע ישובים אין פוילן. פשוט דערפאַר, וואָס דאָס שטעטל איז בכלל גאָר שפּעט אַנטשטאַנען און האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען ערשט ביים סוף פון 19־טן יאָרהונדערט.

פריער איז דאָ געווען בלויז וואַלד, אין וועלכן די קעניגן, פירשטן און כלערליי גובערנאַטאָרן האָבן דאָ איינגעאָרדנט זייערע יאַגדן אויף חיות. אָבער אין יענע צייטן האָבן יאַגדן אָפטמאָל געטראָגן אויך אַ פּאָליטישן כאַראַקטער, זענען געווען אַ טייל פון פאַרפּלאָנטערטע הויף־אינטריגעס און פאַרכאַפּערישע פּלענער, הקדמות אָדער פינאַלן פון געהיימע אָפּמאַכן. אין דער דאָזיקער הינזיכט זענען די אָטוואָצקער וועלדער רייך אין פאַר־שידענע עפּיזאָדן, וואָס האָבן געהאַט פילבאַדייטנדיקע פּאָליטישע אויסקלאַנגען און גאַנץ אָפט זענען אין זיי אַריינגעוועבט יידישע געשטאַלטן און געשעענישן פון פאַרשידענעם כאַראַקטער.

## די קאָזאַקישע דעלעגאַציע אין אָטוואָצקער וואַלד

אַזוי האָט נאָך מיט איבער נײַנציק יאָר צוריק דער פוילישער היסטאָריקער וואַיטשעך דושיצקי געשריבן וועגן דער אויפנאַמע, וואָס מען האָט אין יולי 1648 איינגעאָרדנט אין וואַרשע פאַר דער קאָזאַקישער דעלעגאַציע און דער־נאָך אַרויסגעפאָרן מיט זיי אויף יאַגד אין די אָטוואָצקער וועלדער, וואָס האָבן דעמאָלט געהערט צום פירשט מאַקסים קולמאַוויאַק.

די דאָזיקע קאָזאַקישע דעלעגאַציע קיין וואַרשע האָט געהאַט איר אינטערעסאַנטע פאַרגעשיכטע און כדי זי בעסער צו באַנעמען דאַרף מען זיך צוריקציען עטוואָס פריער.

אין יענער צייט איז אין פּוילישן סענאַט געזעסן דער איינציקער פּראַוואָסלאַווער, אַדאַם קיסיעל פון ברוסילאָוו, וואָס האָט געצויגן זיין פירשטלעכן יחוס נאָך זינט די צייטן פון גרויסן וולאָדזשימיעזש. אויף זיין הערב איז געווען אויסגעמאָלן אַ ווייס געצעלט אויף אַ רויט פעלד און ער האָט עס אַרויסגעשיקט דעם פּראַוואָסלאַווענעם מאָנאַך, פּעטראָני לאַסקאַ, אַליין אַ שלאַכטשיץ, אַלס שליח צו די קאָזאַקן מיט דעם פאָרשלאָג איבערצורייסן די מלחמה און שליסן אַ שלום־אָפּמאַך.



דער מאָנומענטאַלער שלאָס, וואָס דער קרוין־מאַרשאַלעק קאָזשימיעזש ביעלינסקי האָט זיך אויפגעבויט אין זיין פּרעכטיקן פּאַרק אויפן ברעג פון דער אָזערע. אין יאָר 1705 איז דאָ פאָרגעקומען די באַגעגעניש צווישן קעניג אויגוסט דעם 2־טן און דעם רוסישן צאַר פּיאָטר דער גרויסער. אין דעם זעלבן יאָר דעם 26־טן יולי איז דאָ געפּייערט געוואָרן דער געדענק־טאָג פון דער שלאַכט, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען מיט די שוועדן.

אין דעם בריוו, וואָס אַדאַם קיסיעל האָט געשריבן צום צעבונטעוועטן העטמאַן, האָט ער אים פאַרזיכערט, אַז ער האַלט אים, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע, פאַר אַ פריינט פון פוילן און איז מסכים מיט זיין מיינונג, אַז

אין אַלע מיספאַרשטענדענישן זענען שולדיק די יידן. עס איז דערפאַר אַ שאָד, וואָס עס ווערט פאַרגאָסן אַזויפיל אומשולדיקע קריסטלעך בלוט. פּראַוואָסלאַוויש און קאַטויליש. „נישטאָ נאָך אַ לאַנד אין דער וועלט — האָט ער געשריבן אין דאָזיקן בריוו — וווּ די באַפעלקערונג זאָל געניסן פון אַזויפיל פרייהייטן, ווי אין פוילן. פאַרוואָס זאָלן דערפון געניסן די יידן און קריסטלעכע ברידער זאָלן זיך אויסהרגענען איינע די אַנדערע? אין ערגעץ איז נישט פאַראַן אַזאַ גוטע שטימונג פאַר צונויפרעדן זיך ווי אין דעם פרייעם פוילן. לאָמיר בעסער פריי אַרומרעדן אַלץ וואָס יעדן פון אונדז טוט וויי און נישט פאַרלירן אַזאַ טייער פאָטערלאַנד פאַר אַלע קריסטן. אומעטום אין דער וועלט הערשט קנעכשאַפט, נאָר די פּוילישע קרוין איז באַרימט מיט אירע פרייהייטן".

אַזוי האָט געשריבן דער, וואָס קיינער אין פוילן האָט אים נישט געהאַלטן פאַר קיין פּאָליאַק. ער האָט נישט איינמאָל געהערט ווי מען האָט אים נאָכגעשריגן „רושין". עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געשריגן, אַז ער האָט אין זיך קאָזאַקיש בלוט און מען טאָר צו אים נישט האָבן קיין צוטרוי.

עס איז אָבער אַ פאַקט, וואָס ווערט באַשטעטיקט אויך דורך דעם פּוילישן היסטאָריקער קאַראָל שיינאָכאַ, אַז אַ סך קאָזאַקישע אָנפירער האָבן זיך געהאַלטן פאַר געטרייע דינער פון פּוילישן קעניג און אַז זייערע קאָנפליקטן מיט דער פּוילישער שליאַכטע זענען געווען פּערזענלעכע און האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט פאָלקסבאַוועגונג.

כמיעלניצקי האָט דעם פּראַוואָסלאַוונעם שליח אויפגענומען זייער גאַסטפריינדלעך, האָט מסכים געווען אויף אַ פייער־איבעררייס, האָט צוריקגעצויגן זיין הויפּט־קוואַרטיר קיין טשעהרינאַ און האָט אַרויסגעשיקט קיין וואַרשע אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, וועלכער ער האָט איבערגעגעבן אינסטרוקציעס, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען מיט אַ טאָן פון הכנעה. ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל האַלטן די הבטחות, וואָס זענען געגעבן געוואָרן דורך וולאַדיסלאַוו דעם 4־טן.

דער דאָזיקער טאָן פון נאָכגיביקייט און הכנעה ווערט דורך די פּוילישע היסטאָריקער אויסגעטייטש אויף פאַרשידענע אופנים. די טאַטערן האָבן אַוועקגעפירט קיין קרים אומגעהויער־רייכע טראָפעען, די באַציאונגען מיטן טערקישן סולטאַן זענען געווען אָנגעצויגענע. קיסיעלס בריוו, וואָס איז געוואָרן אונטערשטיצט פון דעם קאַנצלער אָססאָלינסקי, איז געקומען אין באַדינגונגען, ווען כמיעלניצקי האָט געדאַרפט געווינען צייט, און עס ווייזט זיך אַרויס פון אַ ריי כמיעלניצקיס בריוו, ווי אויך פון אַנדערע קאָזאַקישע העטמאַנען, אַז זיי האָבן אין יענער צייט אַליין גענומען מורא האָבן פאַר די פּויערים, וועלכע זענען אין די צענדליקער טויזנטער צוגעשטאַנען צו זייער אַרמיי, פאַרנומען ווויכטיקע פּאָזיציעס און גענומען פאָדערן די צוגעזאָגטע פּריווילעגיעס. די פּויערישע מאַסן־באַוועגונג איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ שטאַרקער און דראָענדיקער. קיסיעל האָט עס געוווסט און איז דערפאַר מיט זיין שלום־פּאָליטיק געווען גענוג רעאַליסטיש. די פאַרשטענדיקונג אויפן פּרינציפּ פון קאָמפּראָמיס האָט געהאַט ערנסטע שאַנסן.

אַדאַם קיסיעל איז געקומען צופאָרן קיין וואַרשע אויף די באַראַטונגען. זיין פּאָליטישע באַדייטונג איז אויסגעוואַקסן אין אַזאַ מאָס, אַז די שליאַכטע האָט מורא געקראָגן, ער זאָל זיך נישט דערשלאָגן צו דער קרוין. זיי האָבן אָבער געמוזט צו אים אָנקומען, ווייל ער איז געווען דער איינציקער פּראַוואָסלאַוונער און אים איז דערפאַר לייכטער אָנגעקומען צו געפינען אַ שפּראַך מיט די קאָזאַקן.

## פון די יורידיקעס ביז צום אַטוואַצקער וואַלד

זינט דעם גירוש פון יאָר 1527 איז וואַרשע פאָרמעל געווען אַ שטאָט אָן יידן. אָבער אין דער פּראַקטיק האָט עס אַנדערש אויסגעזען. דאָס האַלטן יידן אויף די שטחים אַרום דער שטאָט איז געוואָרן אַ גוט געשעפט. די פּריצים האָבן דעריבער זייערע „יורידיקעס" הינטער וואַרשע אָפּגעגעבן יידן. לויט דעם געזעץ פון יאָר 1527 איז דער פּאַראַגראַף וואָס האָט פעסטגעשטעלט די גרענעצן פון וואַרשע נישט געווען גענוג קלאָר פאָרמולירט. מען האָט דערפאַר צוגעגעבן דעם קאָמענטאַר, אַז די גזירה איז נישט חל אויף די ערטער, וואָס פאַלן נישט אַרונטער דער מאַכט פון וואַרשעווער סטאַראָסטע און דאָרט האָבן די יידן שוין געמעגט וווינען. זיי האָבן זיך טאַקע באַזעצט אין אַ קרייז אַרום דער שטאָט און געקענט אַריינגיין קיין וואַרשע פון אַלע זייטן. לויטן געזעץ האָבן זיי נאָר נישט געטאָרט וווינען אין וואַרשע, אָבער האַנדלען, מאַכן געשעפטן איז געווען דערלויבט.

אין אָנהייב זענען די יידן געווען זיכער, אַז די גזירה איז אַ צייטווייליקע און זיי האָבן זיך דערפאַר נישט דערווייטערט פון שטאָט. אָבער דערנאָך איז דאָס געזעץ געוואָרן וואָס אַמאָל שטרענגער. עטלעכע מאָל איז איבערגעחזרט געוואָרן די וואָרענונג נישט נאָר צו יידן, נאָר אויך צו קריסטן, וואָס שטיצן אונטער די יידן און לאָזן

זיי זיך אויפהאַלטן אין זייערע שטובן. אַזוי האָבן זיי זיך ביסלעכווייז געמוזט רוקן אַלץ ווייטער פון וואַרשע, געמוזט זיך זוכן נייע געשעפטן, נייע האַנדלס־צווייגן, נייע פּריצים, מיט וועלכע צו פירן עסקים.

## ערשטער יידישער קרבן אויף דער אָטוואָצקער ערד

די אָטוואָצקער וועלדער האָבן דעמאָלט געהערט צום פּריץ מאַקסים קולמאַוויאַק, וואָס איז אויך געזעסן אין פּוילישן סענאַט. ער האָט נישט געהאַט קיין יורידיקע, ד. ה. אַ פּריוואַט פּריציש שטעטל, הינטער וואַרשע. האָט אָבער געפירט געשעפטן מיט ליטע און פּרייסן און האָט זיך געניויטיקט אין אַ יידישן מעקלער. אַזעלכע איז, לויט דעם פּוילישן שרייבער סטעפאַן מאַזוראַ, געווען דער ייד יאַקוב נידער, אַ זון פון אַ קראַקאָווער פערד־סוחר, וואָס האָט זיך איבערגעצויגן קיין רעמבערטאָוו. דער זעלבער שרייבער רעדט מיט צער, פאַרוואָס מען זעט אין וואַרשע אַזויפיל יידישע פּנימער. וועגן דעם יידישן מעקלער יאַקוב נידער רעדט דער שרייבער מיט פאַראַכטונג. אין שטוב לעבט דער ייד זייער אָרעם „באַגנוגנט זיך מיט רעטעך און אוגערקעס, זאַמלט געלט און באַרגט דעם פּריץ סלאַנעצקין אויף פּראָצענט, האָט מיט אים געהיימע געשעפטן אין זיינע וועלדער, נעכטיקט אין זיין פּאַלאַץ”.

קולמאַוויאַק, וואָס איז געווען אין קאָנטאַקט מיטן קעניגלעכן קאַנצלער יעזשי אָססאָלינסקי, האָט אָבער אין סענאַט געהערט צו די, וואָס האָבן אָפן אויסגעדריקט זייער מורא פאַרן וואַיעוואָדע אדאַם קיסיעל. אין מאָמענט ווען עס האָט געדאַרפט דעצידירט ווערן דער גורל פון די אונטערהאַנדלונגען מיט דער קאָזאַקישער דעלעגאַציע, האָט ער זיי איינגעלאַדן אויף יאַגד אין זיינע וועלדער און עס איז אַזוי געשען, אַז איינער פון די פאַרביסנסטע קאָזאַקישע אָנפירער, הרעהאָרי באַלדאַר איז געטראָפן געוואָרן פון אַ „צופעליקער” קויל און געפאַלן טויט אויפן אָרט.

עס איז נישט קלאָר ווי אַזוי די שליאַכטע האָט געקירעוועט מיט דער אויספאָרשונג אַזוי, אַז דער פאַרדאַכט זאָל פאַלן אויף דעם ייד, מיט וועלכן סלאַנעצקי האָט געפירט געשעפטן. דער פּוילישער כראָניקער פון יענער צייט טאַדעאוש קוביאַק דערציילט וועגן דעם גרימצאָרן, אין וועלכן עס איז אַריינגעפאַלן „דער פּוילישער שליאַכטשיץ קולמאַוויאַק אויף דעם פאַרשאָלטענעם ייד, וואָס האָט געמיינט צו שטערן דעם שלום צווישן די קריסטלעכע ברידער און האָט אים גלייך אויפן אָרט מיט זיין 'וועריד אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ”.

אַזוי האָט די אָטוואָצקער ערד איינגעזאַפּט אין זיך אומשולדיק יידיש בלוט נאָך איידער עס האָט זיך אויף איר געפונען אַ מענטשלעכער ישוב, ווען עס האָט אויסגעזען נאָך צו זיין נישט מער ווי אַן אָרט פון מענטשס קאַמף קעגן ווילדע חיות. שוין דעמאָלט האָט דער אַנבליק פון ייד פאַרוואַנדלט די קריסטן אין חיות רעות.

## כמיעלניצקי שלינגט אַראָפּ די מתנה

לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן האָט די פּוילישע שליאַכטע באַמיט זיך, אַז דער ענין זאָל נישט אַרויסקומען פאַר דער עפנטלעכקייט. דער דעמאָלטיקער פּרימאַס מאַטשעי לוביענסקי האָט די קאָזאַקן איינגעלאַדן צו זיין וויצעקעניגלעכן טיש. די סענאַטאָרן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די קלאַנגען וועגן דעם מאָרד וועלן דערגיין קיין אוקראַינע און דאָרט וועט מען פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט געווען קיין יידישער ענין. פון קאַראַל שיינאָכאַ דערוויסן מיר זיך, אַז זיי האָבן פאָרגעשלאָגן דער דעלעגאַציע, אַז איינער פון זיי זאָל פאָרן צו כמיעלניצקען מיט אַ ראַפּאָרט, וואָס זאָל העלפן אויסמיידן אַ מיספאַרשטענדעניש. זיי האָבן זיך אָבער אָנגעטראָפן אויף אַן אָפּזאָג. די שליחים האָבן באַשלאָסן צו זיין פאָרזיכטיקער און נישט רירן זיך אויף קיין טראַט איינער אָן דעם אַנדערן.

נישט האָבנדיק קיין ברירה האָבן די סענאַטאָרן אַרויסגעשיקט מיט אַ ספּעציעלן בריוו אַ מיליטערישן אָפיציר מיטן נאָמען יאַן וואָלסקי, וועלכער האָט זיך, אמת, דערשלאָגן צו כמיעלניצקין און אים איבערגעגעבן דעם בריוו, אין וועלכן מען האָט אויפגעקלערט דעם „שרעקלעכן מאָרד פונעם יידישן פאַרעטער”. ווייזט אויס, אַז כמיעלניצקי, כאָטש ער האָט נישט געגלויבט די פּאַליאַקן, האָט ער עס אָבער נישט אַרויסגעוויזן, האָט דעם שליח כלומרשט צוריקגעשיקט אַהיים, אָבער נאָך אינעם זעלבן טאָג, אוונט־צו, איז ער געכאַפּט געוואָרן דורך אַ „ווילדער באַנדע, וואָס האָט נישט געהאַט איבער זיך קיין קאָמאַנדיר” און זיי האָבן אים לעבעדיקערהייט פאַרברענט.

אין דער זעלבער צייט, דעם 22־טן יולי, איז אין סענאַט באַשלאָסן געוואָרן דער טעקסט פון אַ רעזאָלוציע אין דער קאָזאַקישער פראַגע. דער פּאָליטיקער און היסטאָריקער לודוויג קאַבאַלאַ אַנאַליזירט דעם דאָזיקן דאָקומענט און כאַראַקטעריזירט אים אַלס זייער עלאַסטיש. עס זענען באַשטימט געוואָרן קאָמיסאָרן מיט דער פולער

קאמפאטענץ צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט די קאָזאַקן, אונטערהאַנדלען מיט כמיעלניצקין אַליין. עס האָט געקענט הייסן, אַז די פּאָליאַקן האָבן אַ סך נאָכגעגעבן. אָבער אין דער זעלבער צייט זענען געמאַכט געוואָרן אַזעלכע באַוואָרענישן, אַז די קאָזאַקן זאָלן פון דעם גאָר ווייניקער קענען געניסן.

פון כמיעלניצקיס שפּעטערדיקע בריוו צו קיסיעלן איז צו זען, אַז קיין איינער פון דער קאָזאַקישער דעלעגאַציע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון וואַרשע, איז נישט אָנגעקומען קיין לעבעדיקער אַהיים. זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן מיט אַלערליי טויטן דורך די אוקראַינישע פּויערים. צווישן די קאָזאַקישע פירער זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון די פּוילישע סענאַטאָרן.

אַדאַם קיסיעל, וועלכער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער קאָמיסיע, וואָס האָט געדאַרפט אונטערהאַנדלען מיט כמיעלניצקין, האָט ווייטער דורך פאַרשידענע וועגן באַמיט זיך צו סוגערירן, אַז אויך די אַנדערע קאָזאַקן זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך יידן.

איבערצוצייגן כמיעלניצקין איז אים נישט געלונגען, האָט אָבער מסתמא נישט איינמאָל דערפירט צו יידישע קרבנות, פון וועלכע דער ערשטער קרבן איז געפאַלן אויף דער אַטוואָצקער ערד.

## אין די צייטן פון מלחמות און עפּידעמיעס

אין די צייטן פון יאַן סאָביעסקי (1674—1696) איז כמעט דערגאַנגען צום לעגאַליזירן דעם יידישן ישוב אין וואַרשע. די שטאָטישע פּאָליאַקן האָבן געקערט וועלטן קעגן דער דאָזיקער לעגאַליזאַציע פון אַ יידישן ישוב אין וואַרשע. זיי האָבן אויך געפאָדערט, אַז אין די טעג, וואָס עס קומט פאָר די סיים־סעסיע זאָל קיין שום ייד נישט דערלויבט זיין אַריינצוקומען אין שטאָט אַריין. עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו ליקווידירן די יורידיקעס, אָבער דערמיט איז איבערגעכאַפּט געוואָרן די מאָס, ווייל דאָס האָט שוין געהייסן אַן אָנגריף פון די שטאָטישע אויף דער שליאַכטע, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין כעס און האָט נאָך מער פאַרגרעסערט די צאָל יורידיקעס, אין וועלכע עס האָבן געוווינט יידן. די דאָזיקע יורידיקעס האָבן זיך געצויגן פון נאָווי־שוויאַט ביז צו די אַטוואָצקער וועלדער.

אינעם טאָג־בוך פונעם דענישן אַמבאַסאַדאָר, יוסט פאַן יועל, פון יאָר 1711, אין דער צייט פון דער פּויליש־שוועדישער מלחמה, איז פאַראַן פאָלגנדיקער אָפּזאַץ:



„מיר זענען היינט געשווומען מיט שיפלעך לענגאויס דער ווייסל און ביי די ברעגעס. אויף וועלכע מען זעט געדיכטע וועלדער פון הויכע סאָסנע־ביימער, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און גערעדט מיט די איינוווינער, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון די נידעריקע הייזלעך, וועלכע זענען געשטאַנען ביי די ראַנדן פון וואַלד. דאָס זענען יידן, וועלכע עס איז נישט דערלויבט צו וווינען אין שטאָט. אויב זיי ווילן אַריינקומען אין שטאָט, מוזן זיי זיך באַזאָרגן מיט ספּעציעלע דאָקומענטן, אַז זיי דאַרפן אויספירן אַ וויכטיקע שליחות. אין דאָקומענט מוז זיין געשריבן אין וואָס עס באַשטייט די שליחות און וויפל שעה דאָס פאָדערט איבערצובלייבן אין שטאָט. אויב אַ ייד בלייבט אין וואַרשע לענגער פון דער צייט, וואָס איז פאַר אים באַשטימט אין זיין דאָקומענט, ווערט אויף אים אַרויפגעלייגט אַ געלט־שטראָף. די יידן, וואָס זענען אין זייערע האַנדלס־באַציאונגען פאַרבונדן מיט וואַרשע, באַמיען זיך דערפאַר צו וווינען וואָס נעענטער צו דער שטאָט. אָבער דאָס קענען זיך פאַרגינען נאָר די מער פאַרמעגלעכע. די אָרעמערע קומט אויס צו וווינען צענדליקער קילאָמעטער ווייט פון דער שטאָט און שאַפן זיך אויך נעסטן ביי די ראַנדן פון די וועלדער לענגאויס דער ווייסל ביז דרייסיק ק"מ פון וואַרשע".

אין די ווייטערדיקע פראַגמענטן פון זיין טאָג־בוך באַשרייבט דער אַמבאַסאַדאָר פון דענעמאַרק די שטאָט וואַרשע, אין וועלכער עס זענען שוין דעמאָלט געווען פינף־און זעקס־שטאָקיקע הייזער, אָבער די איינוווינער האָבן דורכגעמאַכט אַ סך צרות און יסורים: מלחמות, מגפות און הונגער. עס איז דערפאַר פאַראַן די השערה, אַז די יידן, וואָס האָבן געוווינט אין די יורידיקעס, נישט ווייט פון שטאָט, האָבן אין דער צייט פון מגפות גערוקט זיך וואָס ווייטער פון דער עפּידעמיע, ביז צו די אַטוואָצקער וועלדער. די מגיפה וואָס האָט געבושעוועט אין גרויספּוילן אין די יאָרן 1709—11 האָט פאַרשלונגען אַ גרויסע צאָל קרבנות אויך צווישן די יידן אַרום וואַרשע.

די יידן האָבן די דאָזיקע ישובים געהאַלטן פאַר צייטווייליקע, געהאָפט אַלץ, אַז אינגיכן וועט געלונגען מבטל צו מאַכן די גזירות און באַזעצן זיך אין וואַרשע.

די וועלדער, וואָס נעמען אַרום די שטחים פון גרויסן און קליינעם אַטוואָצק האָבן ביים סוף פון 17־טן יאָרהונדערט שוין געהערט צו קאַזשימיעזש ביעלינסקי, וועלכער האָט אויפן ברעג פון דער אַזיערע אויפגעבויט זיך אַ ריזיקן שלאָס, אַרומגערינגלט מיט אַ פּרעכטיקן פּאַרק. ביעלינסקי איז דעמאָלט געווען דער קרוין־מאַרשאַלעק

און האט געפירט געשעפטן מיט אויסלאנד. זיין נאמען ווערט ביי פארשידענע געלעגנהייטן דערמאנט אין פנקסים פון יידישע קהילות. מען קען דערפאר מאכן דעם אויספיר, אז די יידן, וואס האבן זיך באזעצט אויפן ראנד פון די וועלדער, האבן זיך דארט געפונען מיט זיין דערלויבעניש.

אין יאר 1705 איז אין ביעלינסקיס פאלאץ אין אטוואצק פארגעקומען די באגעגעניש צווישן קעניג אויגוסט דעם 2־טן און דעם רוסישן צאר פיאטר דער גרויסער.

די גרויסע „צפון־מלחמה", וואס האט אויף דער פוילישער טעריטאריע אנגעהאלטן אכט יאר (1709—1701) און געבראכט מיט זיך א כוואליע פון רויב און מארד, שריפות און מגיפות, פון וועלכע עס האבן מסתמא געליטן אויך די יידן ארום ווארשע, האט אויך נישט אויסגעמיטן די אטוואצקער וועלדער. אין יאר 1705, דעם 26־טן יולי, איז דא אפגעמערקט געווארן די פארגעקומענע שלאכט מיט די שוועדן. אין אזעלכע פאלן פלעגן ביידע צדדים על־פי טראדיציע זיך לאזן וויילגיין אויפן האב און גוטס פון דער יידישער באפעלקערונג.

נאך קאזשימיעזש ביעלינסקין זענען די אטוואצקער וועלדער איבערגעגאנגען בירושה צו זיין זון פראנצישעק, וואס איז אויך געווען א קרוב למלכות און דער קעניג אויגוסט דער 3־טער איז אפט געווען זיין גאסט אין דעם אטוואצקער שלאס. פונוואנען זיי זענען ארויס אויף יאגד אין וואלד, אין וועלכן עס האבן זיך נאך אלץ געפונען בערן, לאשן און ווילדע חזירים.

אין די יארן 1766—1763 איז פראנצישעק ביעלינסקי געווען דער קעניגלעכער גובערנאטאר פון ווארשע און זיך געפונען אונטערן שטארקן דרוק פון די שטאטישע איינוווינער, וועלכע האבן געפאדערט, אז מען זאל די יידן פולשטענדיק פארטרייבן פון ווארשע. ער איז אבער געווען א פראקטישער מענטש און האט זיך נישט פארגעשטעלט, אז עס זאל מעגלעך זיין דורכצופירן א פולשטענדיקן גירוש. ער איז דערפאר געפאלן אויף אן אויפטו: אזוי ווי די יידן דארפן ביים אריינקומען אין שטאט באצאלן א ספעציעלן שטייער, דארף מען דעם דאזיקן שטייער העכערן און דערמיט אוממעגלעך מאכן די ארעמע און בעלי־מלאכות אריינצוקומען אין שטאט. די רייכע יידן, וואס וועלן אימשטאנד זיין צו באצאלן אזא הויכן שטייער, וועלן דארפן דורכגיין א שטרענגע קאנטראל און וועלן נישט האבן קיין רעכט צו בלייבן אין שטאט א לענגערע צייט.

די מיינונג פון דער שליאכטע איז געווען, אז מען דארף די רייכע יידן לאזן וווינען אין ווארשע אומגעשטערט און אפילו באפרייען זיי פון דעם ספעציעלן יידישן שטייער, ווייל פון עקאנאמישן שטאנדפונקט ברענגען זיי מיט זיך א סך נוצן. עס האבן זיך קעגנגעשטעלט די קריסטלעכע פארבאנדן פון סוחרים און בעלי־מלאכות, וואס האבן מורא געהאט פאר דער יידישער קאנקורענץ און די לאגע פון די יידן איז מיט יעדן טאג געווארן אלץ ערגער.

עס האט זיך געשאפן א מצב, אז באנדעס כון ווארשעווער יונגטלעכע האבן אפגעווארט די יידן אויף די וועגן, ביי זייער ארויסגיין פון די יורידיקעס, באפאלן און זיי צעשלאגן, דראענדיק, אז אויב זיי וועלן זיך נישט אפטראגן, וועלן זיי אלע אויסגעמארדעט ווערן.

אין יענער צייט, וואס ווערט באשריבן דורך דעם פוילישן היסטאריקער קאכאנאווסקי, האבן יידן פון די יורידיקעס זיך אוועקגעצויגן טיפער, ביז צו די ראנדן פון די געדיכטע סאסנע־וועלדער, וואס האבן באקומען דעם נאמען אטוואצק.

## דאס יאגן די יידן צו די בערן און ווילדע חזירים אין אטוואצקער וואלד

דער גלח יענדזשעי קאיטאוויץ, וואס האט געלעבט אין יענער צייט, שילדערט די ווילדע אנפאלן פון די פוילישע סטודענטן, וואס האבן זיך נישט באגנוגנט מיט אנפאלן אויף די יידן, וועלכע זיי האבן באגעגנט אויף די ווארשעווער גאסן, נאר זענען ארויס אויף די וועגן און געיאגט די יידן, זיי זאלן אוועק אין וואלד צו די בערן און ווילדע חזירים.

פראנצישעק ביעלינסקי, דער באלעבאס פון די אטוואצקער וועלדער און מאכטהאבער פון ווארשע, האט אן ספק געצויגן נוצן סיי פון די יידן, וואס ער האט דערלויבט אריינצוקומען קיין ווארשע און סיי פון די, וואס ער האט געטריבן און זיי דערלויבט זיך אויפצוהאלטן ביי די ראנדן פון זיינע וועלדער. ער האט איינגעפירט די „טאג־קארטע", וואס האט דערמעגלעכט די רייכע יידן אריינצוקומען אין שטאט פאר א גאר הויכן אפצאל. אין פאל פון אן אנפאל האבן די באזיצער פון די „טאג־קארטעס" געהאט רעכט צו ווענדן זיך צו דער פאליציי. גלייכצייטיק זענען אין די גאסן דורכגעפירט געווארן שטרענגע קאנטראלן און אבלאוועס איבער די, וואס האבן זיך אריינגעגנבעט אן „טאג־קארטעס". ווען מען האט געכאפט אזא ייד האט מען אים אכזריותדיק

צעשלאָגן. די שטראָפן זענען איינגעפירט געוואָרן עפנטלעך, אינמיטן מאַרק, ווו טויזנטער קריסטן האָבן זיך פאַרזאַמלט צוצוקוקן ווי דער ייד ווערט געשמיסן אויפן נאַקעטן לייב און ווערט נאָך דעם אַרויסגעטריבן פון שטאָט אונטער דער באַגלייטונג פון שפּאָט און געלעכטער פונעם המון.

אין זיינס אַ רעדע אין סיים האָט פראַנצישעק ביעלינסקי זיך אויסגעדריקט, אַז די רייכע יידן האַלט ער ווי „הינער, וואָס וואַרפן גאָלדענע אייער". צי האָבן אויך די יידן, וואָס האָבן געוווינט אויף די ראַנדן פון זיינע אַטוואַצקער וועלדער, געוואָרפן גאָלדענע אייער? פון די געבליבענע היסטאָרישע מאַטעריאַלן איז שווער צו שאַפן זיך אַ קלאָר בילד וועגן דעם. עס לאָזט זיך אָבער נישט גלויבן, אַז דער דאָזיקער ברוטאַלער און פראַקטישער הערשער זאָל פון יענע יידן נישט האָבן אַרויסגעצויגן דעם מאַקסימאַלסטן נוצן.

אין 18־טן יאָרהונדערט האָט זיך דער מצב פון די פוילישע יידן זייער פאַרערגערט, אין רעזולטאַט פון דער פאַרשטאַרקטער קאַטוילישער רעאַקציע, אַנאַרכיע און הפקרות, וואָס האָבן געטאָטשעט דעם מלוכה־אָרגאַניזם. אויפן אָפּשניט פון קאַמף קעגן יידישע פרנסות האָט דער קלער געהאַט פולע אונטערשטיצונג מצד דער מ׳טעלער און פאַראַרעמטער שליאַכטע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן עלילת־דם־פּראָצעסן, וואָס גייען אין פוילן פון 18־טן יאָרהונדערט נישט אַראָפּ פון סדר־היום. אויך די ריין־יידישע יורידיקעס האָבן געליטן שווערע קלעפּ. דעם 22־טן יאַנואַר 1775 האָט דער נייער מאַרשאַלעק פון דער שטאָט וואַרשע באַפוילן צו צעשטערן די יורידיקעס, וואָס האָבן זיך גערופן „סאַקאַלאָווער" און „ניי־ירושלים". די יידן, וואָס זענען פון דאָרט אַרויסגעטריבן געוואָרן, זענען זיך צעלאָפן. די פאַרמעגלעכערע האָבן זיך באַזעצט אין פראַגע, די אָרעמערע זענען געלאָפן צו די ראַנדן פון די וועלדער. פון וואָס יענע יידן האָבן דעמאָלט געלעבט — דערציילן אונדז נישט די מקורות.

די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן פון 18־טן יאָרהונדערט זענען געווען אין פוילן אַ תקופה פון צעפּרעסנדיקער אינעווייניקסטער אַנאַרכיע און בהדרגהדיקער אויפלייזונג פון דער מלוכה, וואָס האָט אין רעזולטאַט דערפירט צו דער צעטיילונג פון פוילן. פון דעם דאָזיקן צו־שטאַנד פון הפקרות, וואָס האָט געהערשט אין די אָרגאַנען פון דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע, האָט שטאַרק געליטן די יידישע באַפעלקערונג, איבער וועלכער עס האָבן זיך געשיט אומפאַרשעמטע אויספּרעסונגען.

אין יאָר 1792, אין ערשטן יאָר־טאָג פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַן עטוואָס פאַרבעסערטע אויפלאַגע פון דער פעאָדאַלער געזעגענונג, זענען מאַסן וואַרשעווער סטודענטן און סוחרים אַרויס אין גאַס שלאָגן יעדן אָנגעטראָפענעם ייד. ווידער האָט געזאָלט פאָרקומען אַ גירוש, וואָס איז אָפּגערופן געוואָרן דורך דער פאַרמיטלונג פונעם רוסישן אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָט אויסגעפועלט ביים קעניג איינצוהאַלטן די גזירה. דערפאַר האָט דער קעניג באַקומען אַלס מתנה אַ גרויסע סומע געלט. דאָך איז אין דעם זעלבן יאָר, דעם 23־טן יוני, פאָרגעקומען אַ טיילווייזער גירוש, וואָס האָט געטראָפן קודם כל די אָרעמערע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין אַן אויפרוף, וואָס אַן אַנאָנימע יידישע גרופּע האָט אַרויסגעגעבן צו דער פוילישער באַפעלקערונג, זאָגט זיך צווו. אַנד.: „...איר רעדט וועגן פּריווילעגיעס און איר האָט אַרויסגעטריבן טויזנטער משפחות, וואָס בלאָנדזשען ביי די ראַנדן פון די וועלדער לענגאויס דער ווייסל, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, און איר קוקט זיך צו גלייכגילטיק ווי זייערע קינדער גייען אויס פון קעלט".

## דער אויפשטאַנד

אין די אַפּריל־טעג פון 1794 זענען אויסגעבראָכן די ערשטע שלאַכטן אין די וואַרשעווער גאַסן און דאָס רוסישע מיליטער איז אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון שטאָט. דער דורכאויס דעמאָקראַטישער כאַראַקטער פון דאָזיקן וואַרשעווער אויפשטאַנד איז געווען צום הארצן פונעם פּשוטן ייד. אין די שלאַכטן צווישן 17־טן אַפּריל און 10־טן מאַי האָבן יידן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל. אויף אַ ספּאָנטאַנישן אופן האָט זיך געשאַפן אַ פאָלקס־קלוב, וואָס האָט גערעדט אין נאָמען פון „די אָרעמע זין פון אַלטן טעסטאַמענט". דער היסטאָריקער פון יענעם אויפשטאַנד, וואַצלאַוו טאָקאַזש דערציילט ווי עס האָט זיך געשאַפן „די ערשטע פויליש־יידישע ברודערלעכקייט" אין וואַרשע. צו דער אָרעמקייט פון די יידישע געסלעך אין וואַרשע זענען צוגעשטאַנען די יידן, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן אויפן ראַנד פון די אַטוואַצקער וועלדער.

די „גאַזעטאַ אַביוואַטעלסקאַ" פון יענער צייט שרייבט:
„...ביי אונדז אין וואַרשע דינען די יידן פרייוויליק אין מיליטער. זיי קומען פון די אָרעמסטע געסלעך, פון פראַגע, פון די ראַנדן ביי די געדיכטע סאָסנעס־וועלדער און דרייסטע גייען זיי אַרויס אין שלאַכט קעגן דעם פיינט פון פאָלק און פון דער מענטשהייט. מען טאָר נישט

פאַרמאַכן די אויגן אויף די דאָזיקע ערשטע שריט און מען דאַרף זיי צוטיילן דעם פאַרדינטן שבח".

## אין דער תקופה פון וואַרשעווער פירשטנטום — 1807—1814

דער טילזיטער שלום צווישן נאַפּאָלעאָנען און אַלעקסאַנדער דעם ערשטן אין 1807 האָט געשאַפן דאָס וואַרשעווער פירשטנטום, וואָס אין זײַנע גרענעצן איז אַרײַן דער רוב פּוילישע פּראָווינצן, וואָס פּרייסן האָט צוגענומען בעת דער צווייטער און דריטער חלוקה פון פּוילן. פרידריך אויגוסט, דער קעניג פון סאַקסאָניע, איז נאָמינירט געוואָרן אַלס דער הערשער פון דעם טייל, אין וועלכן עס האָבן געלעבט צוויי און אַ האַלבע מיליאָן אײַנוווינער, און פּונקט ווי נאַפּאָלעאָן, וואָס האָט צוגענומען די רעכט פון די עלזאַסער יידן אויף צען יאָר, האָט אויך פרידריך אויגוסט אונטערגעשריבן אַ באַפעל, אין וועלכן עס זאָגט זיך, אַז די יידן זענען נאָך אַלץ נישט פעיק צו זײַן פולבאַרעכטיקטע בירגער ווייל מיט זייערע מנהגים, בגדים און שפּראַך זענען זיי אַנדערש פון אַלע אײַנוווינער.

דאָך ווערט נישט דערמאָנט, אַז יידן זאָלן האָבן געוווינט בײַ די ראַנדן פון די וועלדער. מען קען דערפאַר מאַכן דעם אויספיר, אַז נאָך בעת דער פּרייסישער הערשאַפט האָבן יענע יידן אָנגעהויבן אַרײַנקומען קיין וואַרשע און זענען שוין דאָרט געבליבן וווינען, טיילווייז אומלעגאַל. עס האָבן געמונטערט צו דעם שטימען פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. דער פּאָליטיקער און פּאָעט יוליאַן ניעמצעוויטש האָט דעמאָלט געשריבן, אַז „מען דאַרף אַרײַנפלעכטן די יידן אין אונדזער פאָלק, כדי זיי זאָלן זײַן נוצלעכע און טרײַע בירגער אין לאַנד". עס זענען אפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס אויסגעטײַטשט, אַז די יידן דאַרפן ליקווידירן זייער באַזונדערקייט.

אין די יידישע געסלעך אין וואַרשע איז געוואָרן ענג. די היכע פּוילישע רעגירונגס־לײַט, ווי דער פינאַנסמיניסטער לוביענסקי און אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט הײַזער און פּאַלאַצן אין די גאַסן, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר יידן, זענען רײַך געוואָרן פון דעם דירה־געלט, וואָס זיי האָבן גענומען בײַ יידן.

אין יאָר 1811 זענען פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן די „טאָג־קאַרטעס" פאַר פרעמדע יידן. אין רעזולטאַט איז באַדײַטנדיק פאַרבעסערט געוואָרן די לאַגע פון די יידן אין וואַרשע און עס איז נישטאָ קיין שום מאָטיוו צו האַלטן, אַז עס האָבן נאָך דעמאָלט געוווינט יידן בײַ די ראַנדן פון די וועלדער.

## יידן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע

אין דער נאַכט פון 28־טן נאָוועמבער 1830 האָט וואַרשע אויפגעהויבן די פאָן פון נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, און אַ טייל פון דער יידישער יוגנט האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אים, איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם דעמאָקראַטישן פּאַטאָס פון די פאַרשידענע דעקלאַראַציעס. ווי בײַ אַלע אויפשטאַנדן און איבערקערענישן האָט מען דאָ אויך אַלע צרות און מפּלות אַרויפגעלייגט אויף די יידן. די שטימונג אין וואַרשע איז געווען אַ געשפּאַנטע און איז דערגאַנגען ביז אַ פּאָגראָם אויף די יידישע געשעפטן.

אין יענער געשפּאַנטער אַטמאָספערע האָבן יידן זיך גענומען באַמיען, מען זאָל זיי דערלויבן צו מאָביליזירן זיך אין אַ יידישן לעגיאָן. אין יאַנואַר 1831 האָט מען אָנגעהויבן אָננעמען יידן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע בתנאי, אַז זיי זאָלן זײַן אָנגעטאָן אייראָפּעיש, זײַן ראַזירט. בלויז אַ קליינע צאָל יידן האָט מסכים געווען צום דאָזיקן באַדינג און די אָנפירונג פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע האָט אונטערגעשטיצט די אידעע פון אַ יידישער גוואַרדיע, אין וועלכער עס זענען געווען פרומע יידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די קאַמפן מיט זייער העלדישקייט.

דעם 8־טן סעפּטעמבער 1831 איז דער רוסישער קאָמענדאַנט איוואַן פּאַסקעוויטש אַרײַן קיין וואַרשע און אַ טייל פון דער קעמפנדיקער יידישער יוגנט האָט פאַרלאָזט די שטאָט.

גענעראַל אָסטראָווסקי, דער קאָמענדאַנט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אין וואַרשע, האָט שפּעטער געשריבן, אַז ער האָט באַגעגנט אין אָטוואָצקער וואַלד, וואָס מען האָט גערופן אָשינע, גרופּן יידישע יוגנטלעכע, וואָס זענען אַוועק פון וואַרשע, נישט געהאַט וווּ צו באַזעצן זיך און „געמאַכט אַ נעבעכדיקן אײַנדרוק".

אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערט דערמאַנט ווידער די געשיכטע אָטוואָצק. דאָס איז געווען אין יאָר 1863, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד און די יידישע יוגנט האָט צוזאַמען מיט דער פּוילישער געשטראַמט אין וואַלד אַרײַן און דאָרט, אין אָטוואָצקער וואַלד, איז פאָרגעקומען איינע פון די פאַרביסענע שלאַכטן. פון וואַרשע אַליין האָבן אין דעם אויפשטאַנד אָנטיילגענומען אַן ערך טויזנט יידן. עס איז שווער פעסטצושטעלן וויפל פון זיי זענען געפאַלן. אַ סך זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף קאַטאָרגע.

## אטוואצק אין די ראַפּאָרטן פון ענגלישן לאָרד ווייטהַ

דער פּוילישער היסטאָריקער טשעסלאַוו יעשמאַן, וועלכער געפינט זיך אויף עמיגראַציע אין ענגלאַנד, האָט אַ צוטריט צו די ארכיוון, פון וואַנען ער שעפּט מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון פּוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1863, און די שטימונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין ענגלאַנד, דערמאַנט אויך אטוואַצק.

גרויס אויפמערקזאַמקייט שענקט טשעסלאַוו יעשמאַן די ראַפּאָרטן פון ענגלישן לאָרד ווייטה, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פּוילן נאָך פאַר דעם אויפשטאַנד. ער גרייפט אָן די ברוטאַלע האַלטונג פונעם רוסישן אָקופּאַציע־מיליטער, רעדט מיט סימפּאַטיע וועגן די רעוואָלוציאָנערן, צווישן וועלכע ער האָט באַגעגנט אַ סך יידן, איז מיט זיי געווען צוזאַמען אין די אטוואַצקער וועלדער.

לאָרד ווייטה איז געקומען אין קאָנפליקט מיט דעם דעמאָלטיקן ענגלישן אַמבאַסאַדאָר אין פּעטערבורג, וועלכער האָט דערקלערט, אַז דאָס פּוילישע פּראָבלעם לאַנג־ווייליקט אים שוין און ער וויל זיך מיט אים נישט פאַרנעמען. אין די אַריסטאָקראַטישע לאָנדאָנער קלובן האָט מען אים דערפאַר קריטיקירט, פאַרופנדיק זיך אויף די ראַפּאָרטן פונעם לאָרד ווייטה, וועלכע האָבן געהאַט אַ באַזונדערע צוציאונגס־קראַפט צוליב זיינע פּערזענלעכע באַציאונגען מיט די אויפשטענדלער און דאָס שילדערן זייערע צונויפקומען אין די אטוואַצקער וועלדער.

אין נאָוועמבער 1864 איז דער לאָרד וויליאַם ווייט איבערגעפירט געוואָרן קיין דאַנציק, ווו ער האָט געאַרבעט אין ענגלישן קאָנסולאַט. ער האָט נישט געטאָרט אומקערן זיך קיין פּוילן, ווו ער איז געווען פאַרהאַסט ביי דער מאַכט. די גיטער, וואָס ער האָט געקויפט אויף דער ווייסל הינטער פּולאַווע, זענען געוואָרן קאָנפיסקירט. אין איינעם פון זיינע ראַפּאָרטן פון יענער צייט שרייבט ער וועגן אַ ייד מיטן נאָמען דוד ווײַנער, וועלכן ער האָט פּערזענלעך געקענט פון זיינע באַגעגענישן מיט די אויפשטענדלער אין די אטוואַצקער וועלדער. „דעם העלדישן קעמפער — שרייבט ווייטה — איז געלונגען צו אַנטלויפן און אויסמיידן די פאַרשיקונג אויף סיביר. ער געפינט נישט קיין רו און וויל פאָרן קיין ענגלאַנד, אַרומקוקן זיך, עווענטועל זיך באַזעצן". לאָרד ווייטה גיט צו זיין רעקאָמענדאַציע, דער ייד דוד ווײַנער זאָל באַקומען די דערלויבעניש.

עס שטעלט זיך די פראַגע: ווי קומט דער ענגלישער לאָרד זאָל צוגעלאָזט ווערן צו די געהיימע באַגעגענישן פון די אויפשטענדלער אין וואַלד? דער ענטפער אויף



דער דאָזיקער פראַגע קלערט אויך אויף ווי ווייט יידן זענען געווען אַנגאַזשירט אויף אַלע אַפּשניטן פונעם אויפשטאַנד.

דאָס ענגלישע אויסערן־מיניסטעריום איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען איינגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: דיפּלאָמאַטישע און קאָנסולאַרע. די מענטשן אויף די קאָנסולאַרע פּאָסטנס האָבן געהאַט די אויפגאַבן צו באַ־קענען גענוי די שטחים, אויף וועלכע זיי האָבן געאַרבעט, דאָס לעבן פון די איינוווינער און די באַוועגונגען פונעם מיליטער. אין פּשוטע ווערטער הייסט עס, אַז זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט שפּיאַנאַזש, נישט ווי די שפּיאָנען, וואָס האָבן אַרויסגעגנבעט פאַרשידנערליי פּאַפּירלעך פון מיליטערישן כאַראַקטער. די ענגלישע קאָנסולן און וויצע־קאָנסולן האָבן געדאַרפט אַריינדרינגען אין די פּאָליטישע קרייזן, קענען אַלעמענס אַנשויאונגען און פּריוואַטע ביי־גונגען און אַליין קיערעווען מיט דער פּאָליטיק צום גונסטן פון דער ענגלישער מלוכה. דערפאַר דאַרף מען דרינגען, אַז ווייטהס באַגעגענישן מיט יידישע אויפשטענדלער זענען געוואָרן דיקטירט פון זיין שטרעבונג צו זיין אינפאָרמירט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין די קרייזן, וואָס האָבן אָנגעפירט און צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד. ד.ה., אַז די יידן האָבן געהאַט אַן איינפלוס אין די דאָזיקע קרייזן.

די מכלומרשט דיפּלאָמאַטישע און פאַקטישע שפּיאָ־נאַזש־טעטיקייט פונעם לאָרד ווייטה איז זייער אַ רייכע. ער איז אין זיין צייט געווען דער גרעסטער ספּעציאַליסט פון די רוסישע פאַרהעלטענישן און ביים סוף פון יאָר 1884 האָט מען אים דערפאַר צוגעטיילט צו דער ענגלישער אַמבאַסאַדע אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַלס באַפולמעכטיק־טער פונעם אויסערן־מיניסטער. פאַר זיין אַרבעט איז ער אויפן צווייטן יאָר אויסגעצייכנט געוואָרן מיטן העכסטן אָרדן פון הייליקן מיכאל. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל, אַז מען זאָל געבן אַזאַ הויכע אויסצייכענונג אַ מענטש אויף אַ געוועזענעם קאָנסולאַרן פּאָסטן.

דאָס אַלץ וואָלט אונדז אָבער נישט אינטערעסירט אין דער דאָזיקער אַרבעט ווען נישט דער פאַקט, וואָס עס ווערט דאָ ווידער דערמאַנט אטוואַצק.

דעם 18־טן סעפּטעמבער 1885 האָבן מיליטערישע כוחות אויף דער טערקיש־בולגאַרישער גרענעץ זיך צע־בונטעוועט קעגן סולטאַן און געשריגן, אַז זיי ווילן זיך אַנשליסן אין דער „מאַמע בולגאַריע". אין די אייראָפּעישע הויפּט־שטעט האָט זיך גענומען טומלען. די טעלעגראַפן־נעץ איז נאָך דעמאָלט נישט געווען גוט אַנטוויקלט און מען האָט זי לייכט געקענט איבערשניידן. מען האָט אין

איירָאפּע נישט געוווסט געניי ווער עס האָט דערפירט צום דאָזיקן אויסברוך. מען האָט געמיינט, אַז די רוסן זענען אין דעם פאַרמישט. די ענגלענדער האָבן געוואָלט צונעמען ביי זיי די איניציאַטיוו און זיי האָבן די אויפ־גאַבע איבערגעגעבן דעם לאָרד ווייטה. אין די ראַפּאָרטן וועגן דעם דערפאָלג פון זיין מיסיע דערמאַנט ווייטה אַ יידישן אויפשטענדלער, וועלכן ער רופט אָן ביי זיין געענדערטן נאָמען אַלעקסאַנדער באַטינאָוו, מיט וועמענס הילף ער האָט באַקומען נייע קאָנטאַקטן מיט אָפּיצירן פונעם צעבונטעוועטן פאָלק און פאַרזיכערט דאָרט זיינע איינפלוסן.

מיט זיין באַזונדערן סטיל דערציילט ווייטה אין איינעם פון זיינע ראַפּאָרטן וועגן די פעיקייטן פון דאָזיקן באַטינאָוו און גיט צו, אַז ער האָט זיך מיט אים באַקענט נאָך אין דער צייט ווען ער האָט זיך מיט אים באַגעגנט אויף די אויפשטענדלער־באַראַטונגען אין אָטוואָצקער וואַלד.

## אָטוואָצק — אַ טרעף־פּונקט פאַר פּוילישע און רוסישע קינסטלער

אין יאָר 1879 האָט מען אין וואַרשע צווישן די פּוילישע שרייבער און קינסטלער גענומען רעדן וועגן דעם אָטוואָצקער וואַלד, וועמענס שיינקייט עס האָט מיט אַ סך טאַלאַנט געמאָלן דער קינסטלער מיכאַל אַנדריאָלי. אים האָט געכישופט די שיינקייט פון וואַלד אויף דער ווייסל און האָט אָפּגעקויפט אַ סך באָדן און אויפגעבויט עטלעכע ווילעס, אין וועלכע עס פלעגן זיך צונויפקומען פּוילישע און רוסישע קינסטלער. דער פראַנצויזישער פּאָעט זשאַן שאַוואַן דריקט אויס אין אַ בריוו צו מיכאַל אַנדריאָלי זיין טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר די גרויסע טעג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין אָטוואָצק, „וועמענס גינגאָלדענער גלאַנץ פון די פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן מאַכט מוטיק און גלויביק פאַרחלשטע הערצער”.

די ליבע־געזאַנגען פון די קינסטלער האָבן זיך אַלץ מער פאַרשפּרייט און אין יאָר 1883 איז קיין אָטוואָצק אַראָפּגעקומען אַ גרופּע דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן, וואָס האָבן געפּאָרשט דעם קלימאַט און פעסטגעשטעלט זיינע הייל־אייגנשאַפטן, באַזונדערס פאַר לונגען־קראַנקע.

די באַן־ליניע וואַרשע—לובלין, וואָס איז געעפנט געוואָרן אין יאָר 1877, איז נאָך די רעלאַציעס פון דער דאָקטוירים־דעלעגאַציע געוואָרן גאָר שטאַרק אויפגעלעבט. מען איז געקומען קיין אָטוואָצק פון ביידע ריכטונגען, פון וואַרשע און פון לובלין.

אין יענער תקופה איז פאָרגעקומען אַ גרויסער וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע. דאָס יידישע לעבן האָט אָנגענומען גרויסשטאָטישע פאָרמען, נישט געקוקט דערויף וואָס די יידן האָבן נאָך געלעבט אין סעפּעראַטע גרופּן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אָפּהיטן דעם באַזונדערן לעבנס־שטייגער, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט פון די קליינע שטעטלעך.

דער דאָזיקער פאַקט האָט אויך געהאַט זיין איינפלוס אויף דער געשטאַלטיקונג פון אָטוואָצק.

## געשטאַלטיקונג פון אָטוואָצק

ווער עס האָט דעמאָלט אָבסערווירט דאָס יידישע לעבן אין וואַרשע, האָט באַקומען דעם איינדרוק, פון אַ צונויפשטעל פון פאַרשידענע שטעטלעך. די יידן האָבן זיך משדך געווען צווישן זיך, נישט תמיד צווישן קרובים, נאָר לרוב צווישן משפחות פון דער זעלבער גרופּע. אין די קרייזן פון די אַסימילירטע יידן זענען נישט אַריינ־געקומען קיין אָרטאָדאָקסישע און זיי האָבן געשאַפן דער־מיט אַן אָפּגעשלאָסענעם קרייז. די זעלבע דערשיינונג איז אויך געווען צווישן די רייכע, ביי די מתנגדים און ביי די חסידים. די יידן פון ליטע האָבן זיך נישט משדך געווען מיט קיין פּוילישע יידן.

דאָס האָט זיך איבערגעטראָגן אויך קיין אָטוואָצק. יעדע גרופּע יידן האָט געהאַט אירע פּענסיאָנאַטן, וווּהין זיי פלעגן קומען אין די פאַרשידענע צייטן פון יאָר. אין אָטוואָצק זענען נאָך צוגעקומען די באַזונדערע יידן, וואָס זענען געקומען פון די פאַרשידענע שטעט אין ווייטן רוסלאַנד. יעדער האָט געהאַט זיין פּענסיאָנאַט, ווו עס האָט זיך געשאַפן די באַזונדערע אַטמאָספער פון יעדן אָרט באַזונדער.

אין יאָר 1890 האָט ד״ר גייזלער, אַ משומד, אויפ־געשטעלט דעם ערשטן הייל־אַנשטאַלט. אין 1893 האָט ער אויפגעבויט זיין סאַנאַטאָריע, וואָס איז געווען די ערשטע סאַנאַטאָריע פאַר שווינדזיכטיקע אין אָקופּירטן פּוילן.

## ד״ר וואַלסקיס סענסאַציאָנעלער באַריכט

די הויפּט־מעלות פון אָטוואָצק איז דער אויי־געריי־פענער מיקראָ־קלימאַט, וואָס קומט פון דער צוזאַמענ־ווירקונג פון באָדן און סאָסנע־וואַלד, וואָס שאַפן די טרוקענע לופט און אַ גרויסע צאָל זויערשטאָף.

אין יאָר 1898 איז ד״ר וואַלסקי אַרויס מיט זיין סענסאַציאָנעלן באַריכט, וועלכער האָט דערציילט וועגן דער

גרויסער צאָל שווינדזיכטיקע, וואָס זענען אויסגעהיילט געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון אָטוואָצקער קלימאַט.

דער רושם איז אין גאַנצן לאַנד געווען אַ גוואַלטיקער. עס איז געוואַקסן די פּראָאינטערעסירונג מיט אָטוואָצק צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג, אָבער פאַרן אַהיז האָבן זיך געקענט פאַרגינען נאָר די רייכע, הויכע באַאַמטע. דאַקעגן זענען די יידן, וואָס זענען געקומען פון אָטוואָצק געווען פון אַלע שיכטן און גרופּן.

דאָך איז די נישט־יידישע באַפעלקערונג אין אָטוואָצק געווען גרעסער פון דער יידישער. אין יאָר 1909 האָט אָטוואָצק געציילט 11,223 איינוואוינער, דערינטער יידן נישט מער ווי 2,356 פּערזאָן.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין די שטעט־לעך אַרום וואַרשע פאָרגעקומען אַן איבערגרופּירונג. אַ סך זענען אַוועק קיין וואַרשע. די צאָל איינוואוינער אין אָטוואָצק אין יאָר 1921 איז געווען 8560. אין יאָר 1931 — 14,996, אין 1939 — 19,387.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען ווייטער אָנגעגאַנגען די פאָרשונגען איבער די קלימאַטישע הייל־אייגנשאַפטן פון אָטוואָצקער וואַלד. די פאָרשונגען זענען באַרייכטערט געוואָרן מיט נייע דערפאַרונגען וועגן דער אומגעהויערער באַדייטונג פאַר די אָטעם־קאַנאַלן און אויך פאַר נערוון־קראַנקהייטן. דאָס אַלץ האָט דערפירט צום אויסצייכענען אָטוואָצק אַלס אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגט די בעסטע קלימאַטישע באַדינגונגען פאַר לונגען־און נערוון־ליידנדיקע.

די פּאַקטישע אַנטוויקלונג פון אָטוואָצק האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1920. אין אַ שנעלן טעמפּאָ זענען אויפ־געשטעלט געוואָרן אַלץ נייע און נייע הייל־אַנשטאַלטן און פּענסיאָנאַטן.

מיט דער אויפלעבונג פון די פאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען הויבט זיך אויך אָן מערקן אַן אינטענסיווע טעטיקייט אויפן קולטור־געביט. עס אַנטשטייען קינאָס, אַ טעאַטער־זאַל, ביבליאָטעקן און לייען־זאַלן און בכלל קומט אַן אויפשוואונג אין גייסטיקן לעבן פון אָטוואָצק.

פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַ רירעוודיקע טעטיקייט. עס זענען אָנגע־גאַנגען פאַרמעסטן, רייטערייען, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט אָנגענומען שאַרפערע פאָרמען. אָבער דער ישוב אַלס גאַנצער האָט אין אַלגעמיינע אַקציעס אויסגעוויזן צו זיין קאָנסאָלידירט.

אין עקאָנאָמישער הינזיכט איז דער יידישער ישוב אין אָטוואָצק געווען צעטיילט אויף פאַרמעגלעכע און אָרעמע. די פּיראַמידע האָט געהאַט אַ ברייטן פונדאַמענט פון יידן, וואָס האָבן געהאַט פּרנסה ברוחק. דאַקעגן דער שפּיץ גרויסע גבירים — איז געווען אַ שמאָלער. די מיטל־שיכט פון באַלעבאַטים, וואָס האָבן געהאַט פּרנסה בשפע, איז אין אָטוואָצק געווען אַ גרעסערע ווי אין די אַנדערע שטעטלעך אין פּוילן.

די זעלבע געאָגראַפישע און קלימאַטישע באַדינגונגען וואָס האָבן גורם געווען צו דער ספּעציפישער געשטאַל־טיקונג פון די ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע באַ־דינגונגען אין אָטוואָצק, האָבן געהאַט זייער אויפווירקונג אויך אויף דער „צווייטער זייט פון די שינעס".

דאָס איז נישט קיין פּוסטער רעטאָרישער אויסדרוק. אין שטעטל אָטוואָצק נעבן וואַרשע איז דאָס געווען אַ ממשותדיקער, אַ געאָגראַפישער באַגריף. אין פּראָסטערע און קירצערע ווערטער האָט דאָס געהייסן: דאָס שטעטל גופא, דאָס שטעטל ממש.

ווען די באַן פלעגט פאַרפאָרן צום אָטוואָצקער וואָק־זאַל, איז יעדער איינער (געמיינט די געקומענע אויף אַפּרו) אַרויס דורכן בנין פון וואָקזאַל צו דער פאַרפּוצטער וואַר־שעווער גאַס, וווּ עס זענען געשטאַנען אַ צענדליק קראָמען און קרעמלעך און אַ לאַנגע שורה שיינע געמויערטע ווי־לעס — דער אָטוואָצקער פּראַנט. פון דאַנען האָבן זיך אָרויסגעשלענגלט לאַנגע און טיפע גאַסן, וואָס זענען געווען איינגעטונקען אין גרינס, אין באַשאָטנטע אַלייען און אין טיפער שלווה.

די דאָזיקע שטילע אָטוואָצקער גאַס האָבן זיך גע־צויגן אויף מײַלן. מייסטנס זענען די הייזער געווען טיף אַריינגערוקט — יעדעס הויז אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן סאָסנע־וועלדל און דאָס סאָסנע־וועלדל — מיט אַ שיינעם אייזערנעם אָדער הילצערנעם צוים. מען האָט דאָ געוווינט זומער און ווינטער. אין די ווינטערס איז די לופט געווען נאָך געזינטער און נאָך היילנדיקער ווי זומער־צייט.

מען איז געפאָרן אַהער, קיין אָטוואָצק, פון נאָענט און פון ווייט — פון אַלע עקן לאַנד. ווינטער־צייט איז אָטוואָצק געווען אַ שטאָט פון שווינדזיכטיקע, וואָס האָבן דאָ געהיילט זייערע לונגען. טויזנטער און טויזנטער האָבן דאָ אָפּגעוווינט יאָרן לאַנג אין די צעוואָרפענע ווילעס, אין די צאָלרייכע גרויסע סאַנאַטאָריעס, אונטער דער שטענדיקער אויפזיכט פון דאָקטוירים (ווי אַ הייל־שטעטל האָט אָטוואָצק געהאַט צווישן אירע שטענדיקע איינוווינער אַ זייער גרויסע צאָל דאָקטוירים). אַן אומעט איז אין די ווינטער־חדשים געווען אויסגעגאָסן אויף אָטוואָצק. אין שטובן, אין די רעקרעאַציע־זאַלן פון די גרויסע פּענסיאָ־

נען, אין אַ ריי גאַסטפרײַנדלעכע הײַזער פון דער אָרטי־קער אינטעליגענץ האָט מען — צי איר האָט געוואָלט, צי איר האָט נישט געוואָלט — געטראָפן אָן אַ שיעור „געוועזענע מענטשן״, וואָס האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף אָפּגעשניטענע פון לעבן — פאָלג מיך אַ גאַנג, ווי לאַנג איז דער שיעור צו וואַרטן דאָ, אין אָטוואָצק, אויפן רוף פון מלאך־המוות?

פיל, זייער פיל מענטשן, האָבן זיך דאָ נאָכן אָפּזײַן חדשים און אַמאָל יאָרן אויסגעהיילט און זיך שפּעטער צוריקגעקערט צום נאָרמאַלן לעבן אין זייערע שטעט און שטעטלעך פון וואַנען זיי זענען געקומען. נאָך מער אָבער האָבן שוין נישט באַוויזן מער צו פאַרלאָזן די דאָזיקע שלווהדיקע סאָסנע־שטאָט און שטיל דאָ אויסגעגאַנגען ווי אונטערגעשאָסענע טויבן, אויסגעשפּיגן דאָס לעצטע שטיקל לונג און געקומען צו קבורה אויף די גרויסע אָטוואָצקער בית־עלמינס ווײַט אַוועק פון שטעטל.



דאָ זעט מען דעם טונעל, וועלכע האָט פאַרבונדן בײדע טײלן פון שטאָט אויסזײַדנדיק די באַן־ליניע.

דאָ, אין אָטוואָצק, האָבן געוווינט הונדערטער מש־פּחות, וואָס האָבן געביטן זייער גאַנצן לעבנסשטייגער, זיך אַרויסגעריסן פון זייערע שטעט און שטעטלעך און געקומען אַהער זיך דאָ צו באַזעצן צוליב איינעם (און אַמאָל — מער ווי איינעם) משפּחה־מיטגליד, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין די נעגל פון דעם לונגען־פרעסנדיקן טובערקולאָז.

זומער־צײַט זענען די ווילעס געוואָרן פולער — די מײַלן־לאַנגע גאַסן פון אָטוואָצק האָבן זיך אויסגעפילט מיט טויזנטער פאַמיליעס, וואָס זענען געקומען אַהער פאַרברענגען די זומער־חדשים. צווישן די צוויי „זאַנעס״ האָרט אַרום דעם וואָקזאַל און אַ צווייטע „זאָנע״ ווײַט־ווײַט פון צענטער, די גרויסע סאַנאַטאָריעס — האָבן זיך באַזעצט גאַס־בײַ־גאַס די „לעטניקעס״ (יענע, וואָס זענען געקומען אַהער פאַרברענגען דעם זומער). פרײלעכע



דער באַן־טונעל פון דער צווייטער זײַט, נעבן דער וואַרשעווער גאַס. עס זעט זיך דער בנין פון וואָקזאַל בײַ דער אָטוואָצקער באַן־סטאַציע.

שטימען און געלעכטערס האָבן אין די זומער־חדשים גע־קלונגען ביז טיף אין דער נאַכט אין די וועלדלעך, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די טויזנטער ווילעס. דער ווינטער־דיקער אומעט איז אין משך פון די זומער־חדשים פאַר־הילכט געוואָרן מיט די קלאַנגען פון צאַפּלדיקן לעבן פון די געזונטע זומער־געסט. אויף די העל־באַלויכטענע ווע־ראַנדעס האָט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט געשפּילט אין קאָרטן, אויפגענומען געסט און געהוליעט. אין די זונטיקדיקע שפּעטע נאַכט־שעהן האָט דער אָטוואָצקער וואָקזאַל אויסגעזען ווי אַ באַלאַגערונגס־פּונקט: טויזנטער און טויזנטער סוף־וואָכנדיקע געסט האָבן זיך געריסן צו די וואַגאָנען פו ןדי באַנען, וואָס זענען אָפּגעפאָרן יעדע 20 מינוט צוריק קיין וואַרשע.

רעכטס פון די באַן־שינעס — קעגנאיבער דעם וואָק־זאַל און קעגנאיבער דער פּאַרפּוצטער וואַרשעווער גאַס — האָבן אין יענע שפּעטע באַנאַכטיקע שעהן שטיל געדרימלט אַ צענדליק פאַרחושכטע געסלעך פון אַ טיפּישן יידיש־פּוילישן קליין־שטעטל. הײַזקע בײַ הײַזקע, אָן גרינס, אָן סאָסנע־ביימער. פאַרזונקען אין נישט־ברוקירטע אָדער שלעכט ברוקירטע געסלעך און הויפן איז דאָ געלעגן אויסגעשפּרייט דאָס אָריגינעלע שטעטל אָטוואָצק — די יידישע אָרעמקייט, וואָס האָט געצויגן חיונה פון באַדינען די אויסגעפּוצטע ווילע־שטאָט אויף „דער צווייטער זײַט פון די שינעס״, די וואַרשעווער גאַס און ווײַטער.

פון דאַנען, פון דאָזיקן צענדליק אָרעמע און שטויביקע קליין־שטעטלדיקע געסלעך, האָבן אין די פריע פאַר־טאָגן זיך אַרויסגעלאָזן וועגעלעך מיט געבעקס, מיט מילך און מיט כלערליי אַנדערע פּראָדוקטן — אַהין, צו די אויסגעפּוצטע ווילע־גאַסן, צו די גרויסע סאַנאַטאָריעס און פּענסיאָנאַטן, צו די פּרעכטיקע נייע און אַלטע, שטיי־נערנע און הילצערנע פּאַלאַצלעך און ווילעס, צו די טוי־

זנטער שווינדזיכטיקע און נאָך מערער טויזנטער זומערגעסט, וואָס האָבן באַוווינט יענע אַלע באַשאָטנטע גאַסן פון דעם צווייטן אָטוואָצק.

דאָ, אין די איינגעבויגענע הילצערנע כאַטקעס פון דעם טיפּישן קליין־שטעטל, האָבן געלעבט אַ קיילעכדיק יאָר שוסטערס און שניידערס, קרעמערס און קרעמעלעך, טרעגערס און דראָזשקע־פירערס, דינערס און באַדינערס, פרוכטהענדלערס און צושטעלערס פון גרינוואַרג. דאָ האָט מען געלעבט אין אָרעמקייט, ווי אין אַלע אַנדערע שטעטלעך אין פּוילן — קוים זיך אויסגעשלאָגן אויף חיונה.

נישט געקוקט אויף די באַזונדערע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס עס האָט געהאַט יעדער טייל באַזונדער, איז אָטוואָצק דאָך געווען איין שטעטל, מיט אַ באַפעלקערונג, וואָס האָט געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון דער גרויסער שטאָט וואַרשע, מיט וועלכער יעדער אָטוואָצקער איינוווינער איז געווען געקניפּט און געבונדן, עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך.

די איבערוויגנדיקע מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אין דעם לעצטן יאָר צענדליק פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניק.

כמעט אַלע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס האָבן אין אָטוואָצק געהאַט זייערע אָפּטיילונגען און אָנהענגער. אָבער וואָס שייך נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע, איז די מערהייט יידישע באַפעלקערונג געווען פּראָ־ציוניסטיש, הגם, כּפֿרשטייט זיך, עס זענען געווען אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן דעם באַגריף נישט פאַרשטאַנען. צו זיי האָבן געהערט די חסידים, וואָס האָבן געהאַט אַ ברייטן השפעה־





קרייז. צו די חסידישע איינוווינער איז נאָך צוגעקומען די גרויסע צאָל עולי־רגל אין די רבישע הייף, וועלכע האָבן געגעבן אַ גרויסן צושטייער צום קאָלאָריט פון דער שטאָט. הגם עס זענען געווען צווישן זיי אַ סך וואָס האָבן שאַרף באַקעמפט די ציוניסטישע פּאַרטייען, זענען זיי אָבער אַלע געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט און בענקשאַפט צו ארץ־ישראל. עס זענען געווען רביים, וואָס האָבן גערופן זייערע חסידים עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און העלפן בויען דאָס לאַנד. צווישן די האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט דער מאָדזשיצער רבי, אַ מוזיקאַלישער גאון, איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין קאַרטשעוו און אויפן פאַרלאַנג פון זיינע חסידים האָט ער אין יאָר 1929 באַזעצט זיך אין אָטוואָצק, וווּ די חסידים האָבן אים געקויפט אַ ווילע און אויפגעשטעלט אַ ריזיק בית־המדרש. ער האָט דאָרט געגרינדעט די ישיבה „תפארת ישראל". דריי מאָל האָט ער באַזוכט ארץ־ישראל. וועגן יעדער נסיעה האָט ער געהאַט אַ סך צו דערציילן. זיין בן־בכור איז געבליבן אַ תושב אין תל־אביב און ער אַליין האָט זיך געהאַלטן אין איין גרייטן צו באַזעצן זיך אין ישראל. ער האָט שטענדיק גערעדט וועגן ישוב ארץ־ישראל און איז געווען אַ פייערדיקער חובב־ציון.

פון דער דאָזיקער שיינער יידישער קהילה האָבן זיך נאָר געציילטע אָפּגעראַטעוועט. קודם כל די, וואָס זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל. עטלעכע צענדליק אָטוואָצקער יידן האָבן איבערגעלעבט די מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד און זענען דערנאָך עולה געווען קיין ישראל, געציילטע האָבן עמיגרירט אין אַנדערע לענדער.



משה פאניצמאן

# די ערשטע שריט פון יידישן ישוב

מיינע עלטערן זענען געקומען קיין אטוואצק אין יאר 1902. איך בין דעמאלט אלט געווען פיר יאר און איך זע פאר זיך לעבעדיק יענע טעג, ווען אין אטוואצק האבן געוווינט נישט מער ווי צוויי טויזנט יידן. א קליין שטעטל געווען. אויך פאליאקן זענען געווען נישט מער ווי עטלעכע טויזנט. אבער אין ווארשע האט עס שוין דעמאלט געהאט א שם ווי אן ארט פון היילונג פאר די לונגען.

דער ערשטער יידישער פענסיאנאט אין אטוואצק האט געהערט צו לייבוש געזונטהייט. זיין טאכטער געפינט זיך אין ישראל. איז שוין איבער די 75 יאר. שפעטער איז געקומען גורעוויטש, וואס איז אליין געווען קראנק, געוווינט א צייט אין קונעצקיס ווילע. אין אטוואצק האט גורעוויטש געפילט זיך בעסער און די דאקטוירים האבן אים נישט דערלויבט צוריקצופארן אין דער גרויסער שטאט. ער איז דערפאר געבליבן און אויפגעשטעלט זיך אליין א פענסיאנאט, וואס האט מיט דער צייט באקומען א שם נישט בלויז אין ווארשע, נאך אויך אין ווייטע רוסישע שטעט און שטעטלעך.

א שם האט אויך געהאט דער האטעל פון מרדכי צווייטמאן און שלמה קארנבראט. ער איז אויך געווען צווישן די ערשטע גרינדער פון דער חברה „בקור חולים" אין אטוואצק, וואס האט עקזיסטירט שוין פון יאר 1896.

ווען עס האט גענומען וואקסן די קאנקורענץ, האט גורעוויטש זיך צוגענומען מעקלערס, וואס האבן גענומען פראצענטער פון די געסט, וועלכע זיי האבן געברענגט. משה-ירחמיאל פיעראוויטש, אהרן האזענמאן, מאיר-שלמה קויפמאן זענען ערשט געהאט געקומען פון קארטשעוו און האבן געארבעט אלס מעקלער פאר גורעוויטשס פענסיאנאט.

## די אפהענגיקייט פון קארטשעוו

אטוואצק האט אין יענער צייט געהערט צו קארטשעוו, פון דארט זענען טאקע געקומען אסך יידן באזעצן זיך אין אטוואצק. מיין זיידע איז געווען שוחט אין קארטשעוו.



כאטש געשטאמט האט ער גאר פון קאוונע. ווען דער „חמדת שלמה" איז געווארן רב אין ווארשע, האט ער אהין מיטגענומען מיין עלטער-זיידן, ר' אהרן קאוונער. שפעטער האט מיין פאטער חתונה געהאט אין שעדלעץ און דערנאך האבן מיינע עלטערן איבערגעצויגן זיך קיין פראגע און פון דארט האבן זיי זיך ווידער איבערגעטראגן קיין אטוואצק.

אין נאענטן ווארשע האט זיך דעמאלט געקאכט. עס איז געווען ערב דער ערשטער רוסישער רעוואלוציע, וואס איז אויסגעבראכן אין יאר 1905. ביי יידן האט זיך געטומלט, פונקט ווי ביי די פאליאקן, מיט נייע אידעען. יונגעלייט פון שטיבלעך און בתי-מדרשים זענען אנגעשטעקט געווארן מיט די נייע אידעאלאגישע שטרעמונגען, ציוניזם, בונד, יידישע קולטור-באוועגונג, א ליטעראטור אין העברעיש און יידיש. אבער אין אטוואצק איז געווען שטיל. די אלע געשעענישן האבן אויסגעזען פארנעפלט, נאך אין טונקעלן שלייער. עס איז בלויז געווען די שרעק פאר א פאגראם.

ס'רוב מעשיות האבן זיך דא געדרייט ארום צרכי-ציבור. אין יענע יארן האט מען נאך די יידישע מתים פון אטוואצק געפירט קיין קארטשעוו. עס איז דערפאר אויפגעקומען דאס פראבלעם פון אן אייגענעם בית-עולם. מען האט גערעדט, געקהלט זיך, גערופן אסיפות און דערווייל האט מען געמוזט פירן די מתים קיין קארטשעוו. ווו די דארטיקע חברה קדישה האט זיך געהייסן גוט באצאלן.

דער פאליציי-נאטשאלניק פאוולאוו האט געוווינט אין אטוואצק, אבער ער איז תמיד געווען אויף דער זייט פון די דאזאריעס פון דער קארטשעווער קהילה. זיי זענען געווען פאראינטערעסירט אין די הכנסות, וואס עס האבן אריינגעברענגט די אטוואצקער יידן פאר דער קארטשעווער קהילה און זיי האבן געשטערט די באמיאונגען פון די אטוואצקער יידן צו ארגאניזירן זיך אין אן אייגענער קהילה מיט אייגענע פרנסים און אן אייגענעם בית-עלמין.

עס איז אנגעקומען דאס יאר 1905. באן נאך באן האבן געפירט סאלדאטן צום פראנט. אויך אין אטוואצק האט מען געהערט פון מאביליזאציעס. די צארישע רעגירונג האט זיך בארימט: „מיט אונדזערע פאפאכעס וועלן מיר פארווארפן די יאפאנטשיקעס. מען דארף אפילו נישט קיין געווער פאר זיי". אבער ווען רוסלאנד האט פארשפילט די מלחמה, האט זי אויסגעלאזט צום אייביקן שעיר לעזאזל — די יידן.

אין רוסישע שטעטלעך זענען פארגעקומען פאגראמען און יידן זענען געלאפן וווהין די אויגן האבן זיי געטראגן, כדי אויסצומיידן א פאגראם — און אפט ערשט אריינגעפאלן אין א שטאט אין סאמע פאגראם.

אין שווידער, נעבן אטוואצק, האט געוווינט דער רוסישער גענעראל מארטינאוו אין זיין ווילע, ווו ער פלעגט אפט איינארדענען הוליאנקעס. יעדן זונטיק האט ער אראפגעברענגט פון ווארשע אן ארקעסטער, וואס האט געשפילט רוסישע לידער.

אין די אוונטן פלעגן מיר גיין אהין צוהערן זיך צו דער מוזיק. אין די שטורמישע טעג פון 1905 איז דער דאזיקער גענעראל דערשאסן געווארן דורך די רעוואלוציאנערן. א געוויסע צייט האט דער דאזיקער פאל אנגעווארפן א מורא אויף דער יידישער באפעלקערונג אין אטוואצק. אבער עס איז אדורך בשלום. אויף וויפל איך געדענק, האט מען דעמאלט קיינעם נישט ארעסטירט. ווייזט אויס, אז די מאכטהאבער האבן געוווסט, אז אטוואצק האט צו דעם נישט געהאט קיין שייכות.

אין ווארשע איז די שטימונג געווען א געשפאנטע. די סאציאליסטן האבן געפירט א טעראר קעגן דער רוסישער פאליציי, באמת זיך, אז די רעוואלוציע זאל האבן אין פוילן א באזונדערס פוילישן כאראקטער. כאטש אין שפיץ זענען געשטאנען אויך יידן. די פוילישע נאציאנאליסטן האבן עס אויסגענוצט און געפירט אן אנטיסעמיטישע העצע.

די רעוואלוציאנערע כוחות האבן אפגעראטעוועט די יידן אין ווארשע פון א פאגראם. אין אסך ווארשעווער הייזער זענען ארגאניזירט געווארן נאכט־פאטראלן פון יידן און פאליאקן אינאיינעם. פארשטייט זיך, אז דאס האט זיך אפגעפילט אויך אין אטוואצק.

אבער אין די אויגן פון מיינע עלטערן און זיידעס זענען יענע שטורמישע יארן געווען אן אנשיקעניש. שפעטער האט טאקע די צארישע מאכט אויסגענוצט דעם דעמאלטדיקן פאלקס־אויפברויז פאר אירע נידעריקע צוועקן. בשעת די וואלן צו די רוסישע דומעס זענען די נאציאנאליסטן ארויס קעגן די יידן מיט דער באשולדיקונג, אז אין ווארשע האבן די יידן אין די רעוואלוציע־טעג זיך ארויסגעוויזן אלס שונאים פון דער פוילישער קאטוילישער טראדיציע און פון פוילנס פרייהייטס־שטרעבונגען.

מען האט דעמאלט מיט שרעק גערעדט וועגן די פאגראמען אין ביאליסטאק און שעדלעץ, וואס זענען געווארן ארגאניזירט מיט דער דירעקטער באטייליקונג פון די מיליטערישע גארניזאנען, וועלכע האבן סטאנציאנירט אין יענע שטעט. די פאליאקן האבן אויך צוגעלייגט א האנט.

קלאר, אז דעמאלט האב איך, ווי אויך די אנדערע חדר־יינגלעך, נישט אפגעגעבן זיך קיין חשבון, וואס עס קומט פאר אין דער ברייטער וועלט. אבער מיר ווייזט זיך אויס, אז אויך מיינע עלטערן האבן דעמאלט ווייניק געוווסט וואס עס טוט זיך אפ אין נאענטן ווארשע, וועגן דעם קאמף צווישן די פארשידנערליי פארטייען, כאטש אין אטוואצק איז אויך געווען מלחמה־צושטאנד. מיין עלטערן ברודער און די שוועסטער האט מען אוועקגעשיקט קיין קארטשעוו, ווו עס האט אויסגעוויזן צו זיין רואיקער.

## וואלן און מקווה

פאר די וואלן האבן די יידישע קהילה אין ווארשע און די רבנים גערופן די יידן, זיי זאלן גיין צו די וואלאירנעס און שטימען פאר די קאנדידאטן פון דער פראגרעסיווער פארטיי, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען אזעלכע יידן־פריינט, ווי שוויענטאכאווסקי און אנדערע. די נאציאנאליסטן האבן מורא געקראגן, אז מיט די יידישע שטימען וועלן אויסגעוויילט ווערן די פראגרעסיווע פארשטייער, וואס זענען געווען קעגן א קאמפראמיס מיט דער רוסישער מאכט. די נאציאנאליסטן האבן דערפאר פונאנדערגעשפרייט אנטיסעמיטישע אויפרופן, אז מען דארף זיך קעגנשטעלן דער השפעה פון די יידן, וואס האבן געשלאסן אן אפמאך מיט די רוסן קעגן די פאליאקן. אגיטאטארן זענען ארומגעגאנגען און געווארנט די יידן, אז זיי וועלן ווערן גערודפט און פארפאלגט.

אין דער זעלבער צייט האט מען אין אטוואצק זיך פארנומען מיט אייגענע לאקאלע פראבלעמען. אן ערנסט פראבלעם איז געווען די מקווה, דאס שוויץ־באד.

ביז דעמאלט איז אין אטוואצק נישט געווען מער ווי א האלצערנע מקווה, אויף שקאלנא־גאס. ווער עס האט געוואלט נעמען א שוויץ־באד, האט געמוזט פארן מיט א ברישקע קיין קארטשעוו.

אין 1908 איז ענדלעך געלונגען צו שאַפן אַ יידישע קהילה מיט פרנסים. זיי זענען געווען: בעריש בורשטיין, משה קעזמאַן, משה־מאיר וואַקס און משה ווייס. געווען אויך מיינסקי, אַ רוסישער ייד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אָטוואָצק, ליב געקרוגן די שטאָט און געהאַט פאַר־שטענדעניש פאַר קהלשע ענינים.

די יידישע קהילה אין אָטוואָצק האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַן אייגענעם רב, ר׳ יעקב־יהודה סאראצקי, וואָס האָט זיך משדך געווען מיט ר׳ אלעזר אייגער, וועמענס זון, שלום־מאיר איז געוואָרן דעם רבס איידעם און געהאַט אַ פאַרבן־געוועלב אויף דער שווידערסקי־גאַס.

## דער ערשטער מנין און די ערשטע רבנים

קיין בנין פאַר אַ בית־המדרש האָט נאָך אָטוואָצק אין יענע צייטן נישט געהאַט. דער ערשטער מנין האָט זיך געפונען אין בלאַשטיינס ווילע אויף ראָג גורנע און שווידערסקי. אין דעם זעלבן הויז האָט אויך געוווינט דער רב.

דער רב ר׳ יהודה־יעקב סאראצקי איז נפטר געוואָרן אין יאָר 1908 און אויף זיין אָרט איז געקומען פון קאַרטשעוו ר׳ יצחק־מנחם יאַנאָווסקי, וועלכן מען האָט אויך אין אָטוואָצק גערופן אַלע יאָרן דער קאַרטשעווער רב.

אין יענע טעג פון 1907 האָבן זיך אַ ריי יידישע איינוווינער אין אָטוואָצק אָפּגעריסן פון אונדזער מנין אין בלאַשטיינס ווילע און זענען אַוועק דאַווענען באַ־זונדער אין בלאסעס ווילע, וואָס האָט זיך געפונען נאָענט פונעם באַזאַר. די הויפּט־עסקנים פון בלאָס־מנין זענען געווען: משה קעזמאַן, אברהם יוסף בראַף, לייב שולמאַן, שלמה־לייב סאלניצקי, משה־מאיר וואַקס א.א.

אין איינעם אַ טאָג האָט מען זיך אין אונדזער מנין דערוווּסט, אַז די פון בלאסעס מנין האָבן געקויפט ביים משומד גייזלער אַ פּלאַץ, אויף וועלכן זיי גרייטן זיך בויען אַ בית־המדרש. די יידן אין אונדזער מנין האָט עס אויפגערודערט: ס׳הייסט, אַז זיי וועלן זיין די ערשטע צו בויען אַ בית המדרש?!

ווען עס איז דערגאַנגען, אַז זיי גרייטן זיך שוין לייגן דעם פונדאַמענט זענען עטלעכע באַלעבאַטים פון אונדזער מנין אַרויף צו ריינדאַרפן, וואָס האָט געהאַט אַ פּלאַץ אויף דער גורנע־גאַס. מען האָט גלייך געקויפט דעם פּלאַץ און באַלד גענומען זיך צום לייגן דעם פונדאַ־מענט. די עסקנים זענען געווען: אהרן־דוד ווישניא, טוביה מאַקאָטאָווסקי, אלי ראַטשטיין, מאיר־שלמה קויפמאַן, בעריש בורשטיין, יוסף גאָלדבערג, דוד פלייסינג, משה ירחמיאל פיעראָוויטש, יחזקאל גריצמאַן און רפאל פאַניצמאַן.

אין רעזולטאַט זענען אין איין און דעם זעלבן טאָג, אין דער זעלבער שעה געלייגט געוואָרן די פונדאַמענטן פאַר ביידע בתי־מדרשים און מקוה׳ס.

אונדזער מנין האָט טריאומפירט. נישט געלאָזט זיך אויסכאַפּן די בכורה און בלייבן אָן אַ בית־המדרש, בפרט, אַז צו אונדזער מנין האָט אויך געהערט דער ראש הקהל, מיינסקי. סעקרעטאַר פון דער קהילה איז דעמאָלט געווען מרדכי־יוסף איזאַקסאָן.

באַזונדער איז געווען אַ שול, וואָס מען האָט גערופן יאַבלאָנסקיס שול. דאָרט האָבן געדאַוונט די ליטוואַקעס.

שווער איז עס אָנגעקומען די אָטוואָצקער יידן אָפּ־צורייסן זיך פון קאַרטשעוו, וואָס איז געווען עלטער, איינגעזעסענער, געהאַט אַן אייגענעם פעלדשער, בלומענ־טאַל, וואָס פלעגט קומען אויך קיין אָטוואָצק. צו אַן ערנסטער קראַנקהייט האָט מען גערופן דעם ד״ר זילבער־מאַן, וואָס פלעגט קומען צו פאָרן פון וואַרשע, יעדן טאָג צען אַזייגער אינדערפרי און איז צוריקגעפאָרן מיטאָג־צייט.

דער ערשטער דאָקטאָר, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אָטוואָצק, איז געווען ד״ר קושישאַנאָווסקי. ער האָט געוווינט אויף דער וואַרשעווער גאַס. עטוואָס שפּעטער זענען געקומען קיין אָטוואָצק און זיך באַזעצט: ד״ר ציבולסקי און דאָקטאָר גייזלער.

ביסלעכווייז איז דאָס יידישע לעבן אין אָטוואָצק געוואָרן אַלץ אינטענסיווער און זעלבשטענדיקער. עס זענען צוגעקומען אייגענע שוחטים: אברהם פיגא, אַ ווורקער חסיד, אַ זריז צו אַ דבר מצוה; משה־יחזקאל ליפשיץ, ישראל־יאָסל זילבערשטיין, יהושע שוחט און גבריאל ליפשיץ. שפּעטער איז אויך אברהם־שוחט׳ס איידעם געוואָרן אַליין שוחט. זיין אייניקל איז לעצטנס געוואָרן שוחט אין ישראל.

## מלמדים

ווער האָט פאָרמירט און געשטאַלטיקט דאָס יידישע אָטוואָצק? ווי אומעטום האָבן דאָס אויך אין אָטוואָצק געטון די דערציער, און אָט ווער עס, זענען געווען די מלמדים אין אָטוואָצק: ר׳ מאַטעס, וואָס האָט דאָס מלמדות איבערגענומען פון זיין פאָטער; צאַלקע מלמד. געווען אויך: שלום ריבאַק (קופקע), הערש לייב גרינפּאַס א.א.

דאָס זענען געווען די דרדקי־מלמדים. זיי האָבן איינגעפּלאַנצט ביי די קינדער דעם „מודה אני” און „שמע ישראל”.

גרויסע מלמדים זענען געווען: בעריש גאָלדשטיין, אהרן אורבאַך. חוץ גמרא האָבן זיי אויך געלערנט די יינגלעך לייענען און שרייבן. דעמאָלט האָבן נאָך אונדזערע עלטערן נישט געשיקט זייערע זין אין אַ שול אַריין.

אין יענער צייט איז געקומען קיין אָטוואָצק אַן עלטערער ייד, אהרלע זשיטאָמער, וואָס האָט געהאַט אין וואַרשע אַ שול. זייענדיק געצוווּנגען, צוליב זיין געזונט, צו וווינען אין אָטוואָצק, האָט ער פאָרגעשלאָגן די אָטוואָצקער יידן, אַז ער וויל לערנען זייערע קינדער העברעיש. דאָס לערנען חומש און גמרא זאָל נישט פאַרטייטשט ווערן אויף יידיש, נאָר אויף העברעיש. איך בין דעמאָלט געגאַנגען צו אים לערנען. ער האָט גענומען זייער טייער באַצאָלט און מיר זענען געווען נישט מער ווי צען תלמידים.

אין שטעטל האָט זיך אויפגעהויבן אַ רעש. די אַנדערע מלמדים האָבן געשריגן, אַז ער איז אַ מיסיאָנער און איז געקומען אָפּשמדן די קינדער, אַ באַווייז, אַז ער לערנט העברעיש. ער האָט נישט געקענט לאַנג עקזיסטירן.

על פי רוב איז דאָס לעבן פון די מלמדים געווען שווער און פאַרהאָרעוועט. זיי האָבן אָבער באַטראַכט זייער אַרבעט ווי אַ מלאכת הקודש און מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט געפירט זייערע חדרים. אויסגעשטעלט אַ סך תלמידים

די רביים און רבנים אין אָטוואָצק האָבן באַרייכערט דאָס לעבן אין שטאָט. נישט נאָר האָבן זיי געפירט זייער עדה לויט דעם יידישן דרך, נאָר זיי זענען אויך געווען די פאַרבינדלער מיט די גרויסע וואַרשעווער רבנים. האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער ענוות און טיפער זאָרג פאַר דער יידישקייט פון פרט און כלל.

עס וועט אָבער נישט זיין איבערגעטריבן, אַז די ראָל פון די מלמדים איז געווען נישט ווייניקער דערהויבן און אחריותפול. זיי זענען עס געווען די, וואָס האָבן געפּלאַנצט יידישקייט אין די קינדערישע הערצער. די גירסא דינקותא, וואָס די קינדער האָבן מיטגענומען מיט זיך אין ווייטערדיקן לעבן, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן אוצר פון מאָראַלישע ווערטן, פון יידישע מידות.

ביי די דאָזיקע מלמדים האָבן מיר געלערנט נישט בלויז די עברי, דעם חומש מיט רש״י און גמרא, נאָר אויך אהבת ישראל. וואָס מער מיר האָבן זיך באַקענט מיט דער לערע פון די נביאים, מיט דער צייט און סביבה, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט, געווירקט און געקעמפט, אַלץ מער זענען מיר געוואָרן דורכגעדרונגען מיט פאַרערונג און באַוואונדערונג פאַר די הייליקע נביאים און זייער לערע.

אַזעלכע איז געווען די יידישקייט אין אָטוואָצק אין סאַמע ברויז פון יענע שטורמישע יאָרן: צניעות, ריינקייט פון משפחה, די פליכטן פון עלטערן צו קינדער און פון קינדער צו עלטערן וכדומה. צו דעם אַלעם האָט מען שוין אין חדר געלערנט אונדז שיינע מידות, מיטלייד צו געפאַלענע און קראַנקע, פאַראַכטונג צו פאַלשקייט און גראָבקייט, בכלל צו מאָראַלישע פעלערן און פלעקן.

## ביקור־חולים

אַזוי טיף־יידיש איז געווען דער גייסט, וואָס האָט געהערשט אין „ביקור־חולים”, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם דערמאָנטן וואַרשעווער ייד, שלמה קאָרנבראָט און אַ סך חסידישע יידן זענען דאָרט געווען אַקטיוו.

צוזאַמען מיט יחזקאל גריצמאַן איז אויך מיין טאַטע דאָרט געווען גבאי און האָט אויסגעפועלט, אַז מען זאָל מיך שוין אַלס זעכצן יאָריקן בחור אַריינגעמען אין דער תקנה, כ׳זאָל מעגן גיין נעכטיקן צו קראַנקע.

די אויפגאַבן פון בקור־חולים זענען געווען: קודם־כל באַזאָרגן די קראַנקע מיט אַ דאָקטאָר און מיט רפואות אין אַפּטייק. דערנאָך פלעגט מען אויך זאָרגן, אַז עמעץ זאָל זיצן ביים קראַנקס בעט, באַזונדערס ביינאַכט. פאַר די, וואָס זענען עלנט, איז עס געווען אַ גרויסע הילף. אָבער נישט ווייניקער וויכטיק איז עס געווען פאַר יעדן איינציקן, וואָס האָט זיך געניטיקט אין וואַרעמער אויפמערקזאַמקייט. אָפטמאָל האָט אַזאַ הילף ממש געראַטעוועט די פאַמיליע, וועלכע פלעגט שוין פאַלן פון די כוחות ביים אַרומגיין אַרום דעם קראַנקן.

מיר איז אויך אויסגעקומען צו זיין אַקטיוו אין די זאַמלונגען פאַר ביקור־חולים. אַ באַזונדערס גרעסערן פאַרנעם האָבן די זאַמלונגען געהאַט אין פורים. פאַרשטעלטע זענען מיר אַרומגעגאַנגען איבער די פּענסיאָנאַטן און געשפּילט אויף האַנט־האַרמאָניעס. אומעטום זענען מיר געוואָרן גוט אויפגענומען. די אָטוואָצקער באַלעבאַטים האָבן ווי געהעריק אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע, געוווּסט ווי נוצלעך זי איז פאַר דער שטאָט און אַרויסגעוויזן וואַרעמע פאַרשטענדעניש פאַר אונדזער אַרבעט.

די ערשטע פירער פון ביקור־חולים זענען געווען: שלמה קאַרנבראַט, אברהם יוסף בראַף, חיים־אלי בראַף, מרדכי לאַנדסבערג, סאַנע קויפמאַן, מאיר־שלמה קויפמאַן, רפאל פאַניצמאַן, טוביה מאַקאַטאָווסקי, אברהם רובינשטיין, אברהם פיגע, יאָסל גאָלדבערג, וועלכער האָט אויך אָנטייל־גענומען אין אַלע זאַמלונגען, שפּילנדיק אויף זיין האַנט־האַרמאָניע. דער צווייטער שפּילער אויף האַרמאָניע איז געווען אברהם קאַופמאַן; בעריש בורשטיין, זעליג ווילענ־דאָרף, אליעזר וואַסערמאַן, ישראל אסעלקא. זיי זענען געווען פון די סאַמע איבערגעגעבנסטע. עס זענען נאָך געווען אַ סך, אַ סך צענדליקער, וואָס האָבן אוועקגעגעבן אַן אַ שיעור צייט און מי פאַר דער הייליקער אַרבעט.

אין אַלע פּענסיאָנאַטן זענען געהאַנגען פּושקעס פון ביקור־חולים און זיי פלעגן גיך אָנגעפילט ווערן מיט די

מיר פלעגן אויך גיין אויף חתונות און דאָרט דורכ־פירן זאַמלונגען פאַר ביקור־חולים. לויט דער תקנה האָבן מיר, די זאַמלער, נישט געטאָרט טועם זיין אויף דער חתונה, פונקט ווי נישט אויף די פורים־מאָלצייטן. פון אָנטרינקען זיך איז נישטאָ וואָס צו רעדן.

פון די מענטשן, וואָס האָבן גענאָסן פון דער הילף פון ביקור־חולים, זענען געווען נישט בלויז אָטוואָצקער, נאָר אויך אָרעמע יידן מיט קראַנקע לונגען, וואָס זענען געקומען קיין אָטוואָצק פון אַנדערע שטעט זיך היילן, און עס פלעגט טרעפן, אַז זיי האָבן נישט פאַרמאָגט אפילו אויסצוקויפן די רעצעפּטן, אין וועלכע זיי האָבן זיך געניטיקט. די מענטשן פון ביקור־חולים האָבן אויף זיך גענומען צו באַזאָרגן זיי נישט בלויז מיט אויסקויפן די רעצעפּטן, נאָר אויך צוצושטעלן זיי מילך, פּוטער, אייער, עופות און אַנדערע זאַכן, וואָס זענען אַזוי נויטיק געווען פאַר טובערקולאָז־קראַנקע.

## בעלי־תפילה

מיין פאָטער, רפאל פאַניצמאַן און מיין פעטער מאיר־שלמה קויפמאַן זענען געווען די בעלי־תפילה און בעלי־קריאה אין ריינדאָרפס בית המדרש. זיי זענען געווען באַשאַנקען מיט זיסע שטימען, וואָס זענען אריינגעדרונ־גען אין די הערצער פון די מתפללים.

דערמיט איז אונדזער מנין געשטאַנען העכער פון בלאַסעס בית־המדרש, געפילט זיך פעסטער און זיכערער. אויך אונדזער נייע מקווה איז געווען מאָדערן־געבויט, מיט צען וואַנע־צימערן, אַ גרויסע מקווה פאַר מענער און אַ קלענערע פאַר פרויען. אַ גוט־אייגנגעאַרדנט שוויץ־באָד האָט באַדינט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. עס זענען געקומען אַהין אַלע רביים און רבנים. די מקווה איז גע־הייצט געוואָרן יעדן טאָג, זומער און ווינטער. אויך מיט דער מקווה האָט ריינדאָרפס מנין איבערגעשטיגן בלאַסעס, וואָס איז געווען שוואַך געבויט און נישט געקוקט אויף די רעמאָנטן איז זי מיט דער צייט געוואָרן אינגאַנצן איינ־געזונקען.

ווען עס איז געקומען צו די ימים נוראים און אַנדערע ימים־טובים, האָבן זיי געמוזט זוכן אַ בעל־תפילה ביי די רביים און עס איז זיי געווען שווער אָנגעקומען ביז זיי האָבן געקראָגן אַ לייטישן בעל־תפילה.

יידן אין אָטוואָצק האָבן ליב געהאַט נגינה און אַ גוטער בעל־תפילה האָט דערפאַר צוגעצויגן אַ גרעסערן עולם. ווי יעדער בעל־תפילה האָט אויך מיין טאַטע און מיין פעטער געשטרעבט אַרויסצוברענגען יידישע נגינה אין האַרציקע תפילות. זיי זענען געווען באַשאַנקען מיט דעם חוש און טעם פאַר אַ יידישן ניגון. אומעטום און שטענדיק האָט פון זיי אַרויסגעזונגען, פול מיט יידישן אינהאַלט, מיט יידישער פרייד און מיט יידישן קרעכץ. זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין דעם אינהאַלט פון דער תפילה און מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און חן געגעבן איר די פולסטע אינטערפּרעטאַציע.

מיין פעטער מאיר־שלמה קויפמאַן האָט געהאַט פינף זין. זענען זיי אַלע פונקט ווי איך און מיין ברודער אהרן, געווען אין כאָר און געהאָלפן אונדזערע טאַטעס ביים דאַווענען.

מיין פעטער איז אין יאָר 1935 עולה געווען קיין ארץ־ישראל צוזאַמען מיטן מאָדזשיצער רבין. געמאַכט זיך דאָ אַ מנין, וווּ ער האָט אַלע יאָרן געדאַוונט. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1948 און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן הר הזיתים.

## די ערשטע פּענסיאָנאַטן

שוין אין די יאָרן פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס כאַראַקטעריסטישסטע פאַר אָטוואָצק געווען די פּענסיאָנאַטן, וועלכע איך האָב שוין אַלס קינד, ווען איך בין געקומען קיין אָטוואָצק, אין יאָר 1902, דערקענט אין זייער באַזונדערקייט און אייגנאַרטיקייט.

צו די אָנגעזעענסטע פון די ערשטע פּענסיאָנאַטן האָט געהערט דער פּענסיאָנאַט פון לייבוש געזונטהייט, אַליין אַ חסידישער ייד פון וואַרשע. האָט ער פון די ערשטע אויפגעבויט אין אָטוואָצק זיין פּענסיאָנאַט, וואָס האָט גלייך געקראָגן אַ שם פון אַ סאָלידער פירמע, וואָס האָט באַהאַנדלט די קורגעסט מיט אַ סך קולטור און פאַרשטענדעניש פאַר די באַדערפעניש פון די קראַנקע.

גורעוויטשעס פענסיאָנאַט איז געווען באַרימט אין גאַנץ פּוילן. אַהין זענען געקומען מערסטנס ליטווישע יידן, וואָס האָבן דאָרט געפונען אַן אייגענע סביבה. אַהין זענען אויך געקומען יידן פון קיעוו, מינסק און אַנדערע רוסישע שטעט.

די אַטמאָספער אין גורעוויטשעס פענסיאָנאַט איז געווען אַ מער אַריסטאָקראַטישע. עס זענען אַהין געקומען אויך רייכע פּאָליאַקן, די וואָיעוואָדעס פון וואַרשע און לובלין און אויך גלחים. אין יענער צייט האָט דער אויפהאַלט אין גורעוויטשס פענסיאָנאַט געקאָסט צען רובל אַ טאָג.

געלבפּישס פענסיאָנאַט האָט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט באַוויזן אויסצוואַקסן, פון אַ קליינעם מיט עטלעכע געסט איז ער גיך געוואָרן אַ צענטער פאַר דעם חסידישן עולם פון וואַרשע און פון אַנדערע שטעט.

געקומען איז געלבפּיש פון וואַרשע, ווו ער האָט געהאַט אַ קוילן־סקלאַד, שותפות מיט מענדל שאַרפּהאַ־ץ, וועלכער איז שוין געווען אַ מומחה אין דער חכמה פון גאַסטראָנאָמיע.

אַ גרויסער פענסיאָנאַט איז אויך געווען ווינקלערס, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ שיינער און שטילער געגנט אין געדיכטן וואַלד און איז געווען אַ צוציאונגס־אָרט פאַר געסט, וואָס האָבן געליטן פון נערוועזיטעט.

ווינקלער אַליין איז שפּעטער, אין די דרייסיקער יאָרן, געפאָרן קיין ארץ־ישראל. זיין הויז האָט אָפּגעקויפט דער געזונטהייט־צענטער ביי דער צענטראַלע פון דער פּאָליציי אין וואַרשע.

דער פענסיאָנאַט עוגעניאַ האָט געטראָגן דער פאַרנאָמען פון זיין באַלעבאָסטע, וועלכע האָט דעם פענסיאָנאַט אויפגעבויט נאָך אַלס מיידל. זי האָט געשטאַמט פון גערער הויף, האָט באַקומען בילדונג און ליידנדיק אויף די לונגען האָבן די דאָקטוירים זי געשיקט קיין אָטוואָצק, ווו זי האָט אויפגעבויט דעם פענסיאָנאַט.

פאַרוואַלטער פונעם פענסיאָנאַט איז געווען מאיר כהן, אַ גערער חסיד, אַ בן־תורה, האָט ער געפי״ם דעם פענסיאָנאַט על טהרת הכשרות למהדרין. זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט ד״ר פּיוקאָ און ווייטער געפירט דעם פענסיאָנאַט אויף די זעלבע דרכים, כשר און עלעגאַנט, געגעבן אַ סך צדקה. אַ סך אָרעמע קראַנקע האָבן דאָרט געקראָגן עסן אומזיסט. די באַשעפטיקטע אין דאָזיקן פענסיאָנאַט זענען געווען כמעט בלויז חסידישע יידן. לעבעדיקע, צעשמייכלטע, האָבן זיי געשאַפן אַרום די געסט אַ פריידיקע אַטמאָספער.

שלמה פרידמאַנס פענסיאָנאַט האָט געהערט צו די קלענערע, ווו די אַטמאָספער איז געווען אַ היימישע. דער באַלעבאָס אַליין פלעגט אָפּוואַרטן די געסט ביי דער באַן. וואַרטנדיק פלעגט ער אַריינגיין צו מיין טאַטן אין זייגער־וואַרשטאַט און געשמועסט מענינא דיומא, וועגן בכבודיקע געסט, וועגן גרויסע דאָקטוירים און וועגן וועטער.

אַ גרויסער פענסיאָנאַט איז געווען פרידמאַנס. זיינע קענטעניש אין דאָזיקן פאַך האָט ער געלערנט פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַ קעלנער ביי גורעוויטשן, האָט פון דער אַרבעט געשפּאָרט אַ קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע, אַרויפגעאַרבעט זיך און אויפגעבויט אַן עלעגאַנט הויז, וואָס האָט גיך געקראָגן אַ שם מיט די באַקוועמלעכקייטן, ריינקייט, גוטן עסן און וואַרעמער באַציאונג צו די קאַפּריזנע געסט.

צו די אַרויפגעאַרבעטע האָט אויך געהערט חיים וונדערמאַן מיט זיין פענסיאָנאַט. ער איז געווען אַ קעלנער ביי געזונטהייטן, געטון זיין אַרבעט געוויסנהאַפטיק, מיט אַ סך טאַקט און פאַרשטענדעניש פאַר מענטשלעכע שוואַכקייטן. ווען ער איז געוואָרן זעלבשטענדיק זענען אים נאָכגעגאַנגען אַ סך פון די, וואָס ער האָט באַדינט ביי געזונטהייטן און זיי האָבן מיט זיך געבראַנגט אויך נייע.

איטשעלע וואַכמאַנס פענסיאָנאַט, אַ שיינע געביידע מיט אַ סך פענצטער, טירן, וואַזאָנען און בלומען, האָט אויף זיך געהאַט דעם חותם פון זיין באַלעבאָס, אַן אַריסטאָקראַטישער ייד, מיט איידעלע מידות און פיינע מאַניערן. אַ וואַרשעווער, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין פראַגע און האָט דעם פענסיאָנאַט געפירט מיט אַסך קענטעניש, געגעבן נדבות מיט אַ ברייטער האַנט און אין פענסיאָנאַט האָט זיך אָפּגעפילט זיין גרויסמוטיקייט און מילדקייט.

שטיל און באַשיידן האָט זיך געלעבט אין הערשל מיאַדאָווניקס פענסיאָנאַט. אין אָנהויב איז הערשל מיאַדאָווניק געווען דער אַרענדאַר ביים גוט־באַזיצער זשאַרין, וואָס איז גלייכצייטיק געווען אַ ריכטער. הערשל האָט ביי אים גענומען די מילך אין אַרענדע און פון דעם געצויגן זיין פרנסה, אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט און אויפגעבויט זיך אַ הויז אויף דער סאַמאָזשאַנדאָוואַ־גאַס. ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער און וויפל ער האָט נישט געהאָרעוועט, רירעוודיק, ווי קוועקזילבער, האָט ער קיין פאַרמעגן פון דעם פענסיאָנאַט שוין נישט געמאַכט. האָט ער קוים געצויגן פון דעם פענסיאָנאַט אויף חיונה פאַר זיין גרויסער משפּחה.

## די ערשטע סאַנאַטאָריעס

ד״ר גייזלערס סאַנאַטאָריע איז געווען די ערשטע, נישט בלויז אין אָטוואָצק, נאָר אין גאַנצן פּוילישן געביט, וואָס איז געווען אונטער דער רוסישער אָקופּאַציע, ווו עס האָט זיך ביז דעמאָלט נישט געפינען קיין איין הייל־אַנשטאַלט פאַר לונגען־קראַנקע.

נאָך דעם ווי די גרופּע ספּעציאַליסטן האָט אין יאָר 1890, נאָך אַ ברייטערער פאָרשונג, רעלאַציאַנירט וועגן די היילונגס־אייגנשאַפטן פון דער אָטוואָצקער לופט און אויך באָדן, האָט ד״ר גייזלער אויפגעשטעלט זיין סאַנאַ־טאָריע, פּראָפּאַגירנדיק דערביי די באַזונדערע מעלות פון דעם אָטוואָצקער אַזוי גערופענעם „מיקראָ־קלימאַט״. זיינע לעקציעס זענען געוואָרן זייער פּאָפּולער, באַזונדערס צווישן טובערקולאָזע.

ד״ר גייזלערס סאַנאַטאָריע איז געווען אַ ריזיקע געביידע, מיט אַלע נויטיקע איינריכטונגען פאַר שווערע און לייכטע קראַנקע, איז געווען צוטריטלעך נאָר פאַר פאַרמעגלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אינגאַנצן איבער־געגעבן אונטער דער אויפזיכט פונעם ד״ר גייזלער.

אין שטאָט האָט מען בלויז געוווסט, אַז דער ד״ר גייזלער איז אַ משומד, אָבער קיינער האָט נישט געוווסט פונוואַנען ער האָט זיך גענומען קיין אָטוואָצק. ער איז געווען אַ גרויסער ספּעציאַליסט אין זיין פאַך.

אין יאָר 1917 האָט ער צוליב פאַרשידענע סיבות געמוזט פאַרקויפן זיין סאַנאַטאָריע, וועלכע עס האָט אָפּגעקויפט משה־מאיר וואַקס.

מער ווי דאָס פאַרקויפן האָט אַרויסגערופן אַ סענ־סאַציע דער פאַקט, וואָס אויפצומאָרגנס נאָך דעם ווי ד״ר גייזלער האָט אונטערגעשריבן דעם פאַרקויף־אָפּמאַך, איז פאַרגעקומען די באַרימטע אינפלאַציע, און דאָס געלט האָט פולשטענדיק פאַרלוירן זיין ווערט.

משה־מאיר וואַקס איז פון פאַך געווען אַ בעקער און האָט געמאַכט שותפות מיט פרידלאַנדן.

נאָך גייזלערן האָט געהאַט אַ שם דער ד״ר ציבולסקי.

פשיגאָדאַ — די סאַנאַטאָריע האָט זיך גערופן אויפן נאָמען פון איר באַלעבאָס, אַ פעלדשער, געשטאַמט פון לאָדזש. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט געטריי און איבער־געגעבן צו די קראַנקע. האָט אין אָטוואָצק דערוואָרבן אַ רייכע פּראַקטיק און צוזאַמען דערמיט אויך דעם צוטרוי פון זיינע פּאַציענטן.

פשיגאָדעס סאַנאַטאָריע האָט געקראָגן אַ שם אין גאַנץ פּוילן און מען פלעגט קומען אַהין פון ווייטע רוסישע שטעט.

ביי אים אין שטוב האָט געהערשט אַ הויכער קולטור־ניוואָ. זיינע צוויי זין האָבן באַקומען העכערע בילדונג. איינער איז געוואָרן ד״ר פילאָזאָף, דער אַנדערער האָט שטודירט מעדיצין און איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטאָר.

אינגאַנצן פון אַן אַנדערן מין איז געווען די סאַנאַטאָריע פון ד״ר קרוקאָווסקי, וועלכע איז געווען באַשטימט פאַר נערוון־קראַנקע.

צוזאַמען מיטן אַנטדעקן די הייל־אייגנשאַפטן פון אָטוואָצקער קלימאַט פאַר קראַנקע אויף טובערקולאָז, האָבן זיך אויך אַרויסגעוויזן די געוואַלטיקע מעלות פונעם דאָזיקן קלימאַט פאַר מענטשן מיט קראַנקע, צעשטערטע נערוון. ד״ר קרוקאָווסקי האָט איינגעאָרדנט זיין סאַנאַ־טאָריע לויט די פאָדערונגען פון דער מאָדערנער מעדי־צין: דורכאויסיקע שטילקייט און דערביי אויך לייכטע פאַרוויילונגען, וואָס זאָלן האַלטן דאָס געמיט פון די קראַנקע אין נישט־געשפּאַנטער אויפגעלעבטקייט.

ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען פּוילן און זענען אַריין אין אָטוואָצק איז ד״ר קרוקאָווסקי גלייך אַוועק אין אַ דאָרף, ווו ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן די גאַנצע צייט פון דער מלחמה אונטער דער מאַסקע פון אַ גע־ווינלעכן פּאַסטוך. ער האָט איבערגעלעבט די מלחמה און געפינט זיך היינט אין פּוילן.

## ערשטע יידישע פרנסות

אין גאַנץ אָטוואָצק זענען דעמאָלט געווען נישט מער ווי צען שפּייז־געוועלבלעך: סאָניע, פּנחס און משה־אהרן קויפמאַן, שלמה־יצחק סאָלניצקי, יצחק מאַקאָטאָווסקי, יצחק ברוקער, יחזקאל גריצמאַן, דבורה רובין און יידל רובינשטיין. געווען אויך באַזונדערע פוטער־און הערינג־געשעפטן, גאַלאַנטעריע, האָלץ־סקלאַדעס א. א.

אָטוואָצק האָט זיך געבויט און עס זענען געווען באַשעפטיקט יידישע סטאָליאַרעס: אלי ווישניע און לייבוש שולמאַן, גדליה גרינפּאַס און משה קאַץ. ביי זיי האָבן געאַרבעט צענדליקער געזעלן.

צווישן די ערשטע מאַליאַרעס איז אויך געווען משה־נחמן זשעלאַזני. אין יאָר 1915 האָט ער געמאָלן ריינדאָרפס בית־המדרש. ער האָט נישט געוואָלט נעמען באַצאָלט נאָר אויף אַזויפיל ער זאָל האָבן צו עסן פאַר זיך און זיין ווייב. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן און קיין סך נישט געדאַרפט. די ווענט פון בית־המדרש האָט ער אויסגעמאָלן מיט בילדער פון תנ״ך און אגדות. ווען ער האָט געענדיקט די אַרבעט איז מען פון אומע־טום געקומען באַוווּנדערן די שיינע בילדער, וואָס ער

האָט געמאָלן מיט אַ סך טאַלאַנט און גרויס אהבה צום מקום קדוש.

עס זענען געווען שלאָסער און בלעכער. אברהם גויסקי איז געווען אַ בוי־אונטערנעמער. כאָטש ער איז נישט געווען קיין אינזשיניער האָט ער אַליין געמאַכט פּלענער פאַר גרויסע פּענסיאָנאַטן, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו בויען און באַשעפטיקט דערביי יידישע בוי־אַרבעטער. ער האָט געבויט די ווילעס פאַר גורעוויטש, געלבפּיש און אַ סך אַנדערע.

## שרודבאַרוו

מיט דער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען שרודבאַרוו. דאָרט האָבן חיים שיף, מרדכי לאַנדסבערג און זלאַטקאָוויטש געבויט גרויסע פּענסיאָנאַטן און הער־לעכע ווילעס, מיט די מאָדערנסטע איינאָרדענונגען, מיט גאַראַזשן פאַר אויטאָס. פאַר די רייכע וואַרשעווער יידן איז אָטוואָצק שוין געווען צו־פּאָפּולער, מיט צופיל קראַנקע און זיי זענען דערפאַר געפאָרן מער קיין שרודבאַרוו, וואָס האָט אַלץ מער גענומען אויסזען ווי אַ גן־עדן־ווינקעלע. אין די הייסע טעג איז דאָ געווען קיל, אַ מחיה. אַלץ איז געלעגן איינגעהילט אין טיפן שאָטן.

אין אָטוואָצק איז געווען אַ שפע פון שוסטערס און אַלע האָבן געהאַט פּרנסה. געווען אַפילו צווישן זיי גבירים, אָנגעזעענע מענטשן, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. נתן מילבראַד איז געווען א דאזאר אין דער קהילה, מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד און פון דער האַנטווערקער־באַנק. ער איז אויך געווען אַקטיוו אין דער אָרגאַניזאַציע פון די אַלגעמיינע ציוניסטן. אָנערקענט און געשעצט איז אויך געווען וועלוול גרינפּאַס. זיי האָבן געלערנט תורה און געלייענט צייטונגען, אָריענטירט זיך אין מילי דעלמא און זיך באַצויגן מיט אחריות צו געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט.

ווייניקער זיינען אין אָטוואָצק געווען יידישע גאַר־בער. אָבער אויך צווישן זיי זענען געווען געזעלשאַפט־לעכע מענטשן. זעליק גערוועך איז אויך געווען דאזאר אין דער קהילה און מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון האַנטווערקער־פאַריין.

## בעלי־עגלות און דראָזשקאָזשעס

לעבעדיקע און רירעוודיקע עמך־מענטשן זענען געווען די יידישע בעלי־עגלות, וואָס האָבן געפירט סחורות פון דער באַן און זיי פונאַנדערגעפירט איבער די יידישע געשעפטן. כמעט אַלע זענען זיי געווען קרובים צווישן זיך, געהערט צו צוויי גרויסע משפחות: פייגנבוים און פרידמאַן, וואָס האָבן געשטאַמט פון קאַרטשעוו און זיך שטאַרק פאַרצווייגט.

גרינגער איז געווען די פּרנסה פון די דראָזשקאָזשעס, וואָס האָבן פאַרטרעטן טראַמווייען און טאַקסי־אויטאָס, געפירט די אָנגעקומענע געסט אין די פּענסיאָנאַטן, די „לעטניקעס" און אויך אָטוואָצקער איינוואוינער, וואָס האָבן געוווינט ווייט פון דער באַן־סטאַציע.

די יידישע קאָוואַלעס אלי ראָזענבערג און שלום קאַלביעלער זענען געווען גבורים. פאַר וועלכע ברעכן אייזן איז געווען אַ שפּילעכל. זיי האָבן געקאָוועט די פערד און פאַראַכטן די פורן און דראָזשקעס פון די יידישע בעלי־עגלות און אויך פון די קריסטלעכע פויערים. זיי האָבן פאַרמאָגט מאָסיווע הענט און ברייטע פּלייצעס, וואָס האָבן זיך נישט געבויגן פאַר קיינעם. געבראַווזט מיט גבורה און געטראָגן אין געמיט יידישע פרייד. אליהו ראָזענבערג האָט געהאַט אַן אייגענע ווילע און געפירט אַ שיין יידיש הויז, דערצויגן די קינדער אין יידישן וועג, מיט ליבשאַפט צום פאָלק און צו ארץ־ישראל.

גרויסע געשעפטסלייט זענען געווען די אָטוואָצקער פישערס. זיי האָבן געהאַנדלט מיט ווייסל־פיש און מיט קאַרפּן, צוגעשטעלט זיי אין אַלע פּענסיאָנאַטן, ווו פיש האָבן געהערט צו די באַליבטע מאכלים אויך אין געוויינ־לעכע טעג פון דער וואָך.

אין גרויסן פאַרנעם האָבן אויך געפירט זייערע געשעפטן די הינער־סוחרים, אין הורט און אין איינצל־פאַרקויף, האָבן אָנגעהויבן באַשיידן און זענען געוואַקסן צוזאַמען מיט דער שטאָט, וואָס איז מיט יעדן יאָר געוואָרן אַלץ גרעסער און רחבותדיקער, געבראַווזט אַלץ מער מיט וואַרעם יידיש לעבן אויף אַלע געביטן פון ווירטשאַפט־לעכער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

## בדחנים און קלעזמער

צוויי בדחנים: פייוול און הערשעלע האָבן באַשיינט די יידישע שמחות, אַרויסגערופן טרערן פון פרייד און באַדויער מיט זייערע אַליין־פאַרפאַסטע גראַמען. „מען פירט, מען פירט די כלה צום טראָן!" — האָט פייוול אָנגעזאָגט, לויפנדיק פאַרויס אין דער „צווייטער העלפט", ווו עס האָבן זיך שוין צונויפגעקליבן די געסט, און די כלה, אַרומגערינגלט פון פיל ווייבער און מיידלעך, האָט זיך אַן איבערגעשראָקענע צעוויינט, ווי זי וואָלט זיך

ערשט פון פייולען דערוווסט וועגן דעם גרויסן געשע־
עניש אין איר לעבן.

מאטעס סקאלמער מיט זיינע זין זענען געווען די קלעזמער, וועמענס אינסטרומענטן האָבן ביי אַלעמען געוועקט פיל דערינערונגען... אויף וויפל חתונות האָבן זיי שוין געשפילט, אין זומער־נעכט און אין ווינטער־נעכט, ביי אָרעמע און ביי רייכע, „פריילעכס" לכבוד די מחותנים און רירנדיקס פאַר די חתן־כלה. ווען זייערע אומעטיקע טענער האָבן זיך צעגאָסן, האָבן זיי אָנגערירט אַלץ טיפער, טיפער אין דער נשמה... אפילו די פריילעכסטע האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זיך פאַרטראַכט... מאַמעס און באָבעס, מומעס און סתם שכנטעס האָבן זיך צעוויינט. דאָס האָט אָבער נישט געדויערט לאַנג. באַלד האָבן זיי אויפגעשפילט אַ האַסטיקע מעלאָדיע, אַ מעלאָדיע פון אויפלעבונג און שטורעם, אזש די שטערן, העט אין הימל, האָבן זיך צעטאַנצט און צעהאָפּקעט...

אויף דער באַן־סטאַציע זענען געווען דריי יידישע „נומעראַוועס": מאיר ריבאַק, וועלוול מיינעמער און דוד קופּערבערג. אויף זייערע היטלען מיט די גלאַנציקע דאַשקעס האָבן זיי געטראָגן די פּוילישע באַן־אָפּצייכענונג. זיי זענען געווען ערלעכע און פרומע יידן, געדאַוונט יעדן טאָג, געפירט כשרע שטובן און שבת זענען זיי נישט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אין די זומער־חדשים אָפּגעשפּאָרט אויפן ווינטער. אַנדערע האָבן זיך איינגעשאַפט סטאַבילע קונים און האָבן פאַר זיי געפירט קיין וואַרשע, דעם גאַנצן ווינטער, פּוטער, אייער, קעז און פלייש.

די דאָזיקע קאַטעגאָריע סוחרים, צווישן וועלכע עס זענען געווען אלמנות, וואָס האָבן געדאַרפט אויסהאַלטן אַ שטוב מיט קינדער, האָבן שווער געהאָרעוועט, האָבן געמוזט אויפשטיין דריי אזייגער באַגין, אין ווינטער, ווען די פראָסט האָט געקנאַקט, אין האַרבסט, ווען דער רעגן האָט געפלייצט, גיין איינקויפן דאָס פלייש אין די יאַטקעס, דאָס מילכוואַרג און עופות ביי די פויערים, כדי מיטן ערשטן צוג צו פאָרן קיין וואַרשע, ווו עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן זייער גאַנג איבער די ווייטע גאַסן, איבער די הויכע שטאָקן, ווו זיי האָבן צעטיילט זייער סחורה אין די גבירישע שטובן.

נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז אַן אַלמנה האָט זיך אויסגעגליטשט איבער די פאַרפרוירענע קאַלוזשעס, געפאַלן און צעבראָכן אַ פוס, אָדער פאַרקילט זיך אין אַ שנייאיקער זאַווערוכע און קראַנק געוואָרן.

## נשים צדקניות

רייך איז געווען אטוואָצק אין שיינע געשטאַלטן פון גוטע ערלעכע יידן און נשים צדקניות. אזא איז אויך געווען פעסע די סובינערקע. קיינער האָט נישט געוווסט גענוי וויפל זי איז אַלט געווען. אַלע, גאַנצע דורות, דוכט זיך, האָבן געדענקט פעסע די סובינערקע. איר מאַן איז געווען אַ פאַריסאָווער חסיד, געהאַט אַן אייגן הויז. איר נאָענטסטע חברטע איז געווען רבקהלע די כהנטע, וועמענס מאַן איז געווען פאַרוואַלטער אין עוגעניעס פענסיאָנאַט. ביידע זענען זיי געווען די פאַרקערפּערונג פון גוטסקייט און צדקה.

די הויפּט־אויפגאַבע, וואָס די דאָזיקע נשים־צדקניות האָבן גענומען אויף זיך, איז געווען אויפצוזוכן נויטבאַדערפטיקע, וועלכע האָבן נישט געהאַט אויף צו מאַכן שבת. אין אטוואָצק זענען געווען פאַרבאָרגענע אָרעמע־לייט, וואָס האָבן זיך געשעמט מיט זייער אָרעמקייט און כדי מענטשן זאָלן נישט דערוויסן זיך, אַז אין זייער שטוב הונגערט מען, האָבן זייערע פרויען אוועקגעשטעלט אויף דער קיך אַ טאָפּ וואַסער, וואָס האָט זיך כסדר געקאָכט און אויסגעלערנט אויף די הונגעריקע קינדער מאַכן דעם אָנשטעל פון זאַטקייט. אָבער מערסטנס זענען עס געווען עלטערע און קראַנקע מענטשן, וועלכע עס איז שוין שווער געווען צו פאַרדינען אויף חיונה.

די דאָזיקע נשים צדקניות, פעסע די סובינערקע און רבקהלע די כהנטע האָבן זיך אויסגעאַרבעט אַ שאַרף אויג, וואָס האָט דורכגעדרונגען די ווענט פון די דאָזיקע הונגעריקע שטובן און זיי האָבן געזאָרגט, אַז עס זאָלן דאָרט קיינמאָל נישט אויספעלן קיין שבתדיקע מאכלים.

יעדן פרייטאָג האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט איבער די מער פאַרמעגלעכע הייזער, ווו מען האָט זיי שוין געקענט און באַצויגן זיך צו זיי מיט גרויס רעספּעקט, צוגעגרייט פאַר זיי פיש און פלייש, חלות און וויין, זיס געבעקס, ליכטלעך צום ליכט־בענטשן, וואָס זיי האָבן שפּעטער בסתר אונטערגעוואָרפן צו יענע הונגעריקע מענטשן, געטון אַלץ, אַז קיין זייטיקע מענטשן זאָלן זיך נישט דערוויסן וועגן דעם און די מענטשן זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן.

זומער און ווינטער, אין רעגן און אין פראָסט האָבן די דאָזיקע פרויען געמאַכט יעדן פרייטיק זייערע שפּאַצירן איבער די יידישע שטובן און דערפילט זייער וויכטיקע מיסיע.

# אטוואצק, מיין היימשטאט

נישט די געשיכטע פון אַטוואַצק קלויב איך זיך דאָ צו שרייבן און אויך נישט די זכרונות פון מיין לעבן אין אונדזער היימשטאָט, וואָס דאָס וואָלט פאַרלאַנגט אַ צו גרויסן אַנשטרענג און אַ שלל פון מאַטעריאַלן, וועלכע איך האָב נישט אונטער דער האַנט. איך וויל בלויז אין מיין באַשיידענער אַרבעט אַרויסברענגען געוויסע מאָמענטן פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווי פון מיין פערזענלעכן לעבן אין אַטוואַצק, אויף וויפל זיי טויכן אויף אין מיין זכרון נאָך זיבן און דרייסיק יאָר, זינט איך האָב פאַרלאָזט די שטאָט.

אַטוואַצק איז צעשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח, וואָס וואָלט געסטייעט פאַר עטלעכע שטעטלעך צוזאַמען. די שטאָט איז אויפגעקומען אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט און איז פאַרטיליקט געוואָרן דורך די נאַצים בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען איר עקזיסטענץ האָט געציילט קוים ניין און דרייסיק יאָר. אמת, אַטוואַצק גופא מיט אירע הייזער, גערטנער און ווילעס איז נישט פאַרניכטעט געוואָרן, אָבער איר יידישע באַפעלקערונג איז מער נישטאָ, זי איז פאַרשניטן געוואָרן דורך די דייטשע רוצחים. אַטוואַצק אָן יידן איז אַ טויטע שטאָט.

אָט דאָס האָב איך געפילט בעת מיין באַזוך אין אַטוואַצק, זייענדיק אין יאָר 1964, וועגן וועלכן עס וועט מיר נאָך אפשר אויסקומען צו דערמאָנען.

ווער האָט אַנטדעקט, אָדער אויפגעבויט אַטוואַצק? קיין נאָמען פון אַ פערזאָן קען איך נישט אָנגעבן. דאַקעגן אַ גורם, צוליב וועלכן אַטוואַצק איז אַנטשטאַנען, קען איך יאָ אָנגעבן. און דאָס איז געווען די „פּראָלעטאַריש־ע קרענק", שווינדזוכט. איך ווייס נישט ווער עס האָט פאַרפלאַנצט דעם שמעקעדיקן וואַלד אין אַטוואַצק; ווען איך האָב אים דערווישט, זייענדיק אַ קינד, איז ער שוין געווען גרויס, הויך, שיין. דער אָנהייב און דער סוף פון דער שטאָט זענען געווען די הויכע סאָסנע־ביימער. זיי זענען געווען איר גרענעץ, די „ראָגאַטקע". אמת, אַ ביסל ווייטער פון אַטוואַצק האָבן זיך אויך געפונען ביימער, אָבער ס'איז שוין נישט געווען דאָס זעלבע; זיי האָבן שוין נישט געהאַט דעם זעלבן טעם און ריח וואָס אונדזערע אַטוואַצקער ביימער.

אַ פאָלקס־ווערטל זאָגט, אַז גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. דאָס קאָן מען אויך אָנווענדן בנוגע דעם אַטוואַצקער וואַלד, וואָס איז זיך צעוואַקסן ווי אַ רפואה און הייל־מיטל קעגן שווינדזוכט. הגם די קראַנקהייט האָט שוין עקזיסטירט אַ סך, אַ סך פריער, און מען האָט זי שוין וואַרשיינלעך געקענט נאָך אין טיפן אַלטערטום. ווי עס דערציילט אַ לעגענדע, האָט מען איינמאָל ישו הנוצרי, בעת אַ שפּאַציר זיינעם אין טבריה, אויפגענומען מיט באַגייסטערטע אויסגעשרייען: „הושענה!" נאָר ביי די ענטוזיאַסטישע אָנהענגער זיינע, (צי ווייל זיי האָבן דאָס וואָרט פאַרגרייזט, צי ווייל זיי האָבן גערעדט מיט אַ „ליטווישן דיאַלעקט", מיטן שין) איז אַרויסגעקומען אַנשטאָט „הושענה" הוי, סאַנאַ, וואָס דאָס האָט געמיינט: אַ, סאַנאַטאָריום!... און אויב סאַנאַטאָריום, איז ווי האָט עס דען געקענט הייסן עפּעס אַנדערש ווי אַטוואַצק?

ווי עס זאָל נישט זיין, האָבן זיך ביידע גענויטיקט איינער אין דעם אַנדערן: די שווינדזוכט־קראַנקהייט האָט געדאַרפט אַטוואַצק און אַטוואַצק איז ממש ווי אַראָפּ־געפאַלן פון הימל פאַר דער שווינדזוכט־קראַנקהייט. און ביסלעכווייז האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוואַקסן צווישן די

ביימער פון אַטוואָצקער וואַלד הילצערנע הייזער, ווילעס מיט וועראַנדעס, און אַ ביסל שפּעטער אויך געמויערטע הייזער, סאַנאַטאָריעס, הייל־אַנשטאַלטן, פּענסיאָנאַטן. און אַזוי ווי בעלנים אויף צו זוכן פּרנסה האָבן צווישן יידן אין פּוילן נישט געפעלט, האָט זיך אָנגעהויבן אַן אימיגראַציע אין דער פריש־אויפגעקומענער שטאָט, צום ערשט בלויז, פאַרשטייט זיך, אויף צו זיין צייטווייליקע איינוווינער, איבערן זומער; מען האָט פאַרפאַקט ס'ביסל אָרעמקייט, אַרויפגעזעצט אויפן וואָגן די משפּחה, די חברה קליינוואַרג און מען איז געפאָרן מאַכן אַ סעזאָן. שפּעטער, מיט דער צייט, האָט מען זיך שוין באַזעצט אויף שטענדיק און מען איז שוין געוואָרן אַטוואָצקער.

איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען אַ צופאַל, אָדער אַ קאַפּריז פון דער טעכניק, אָבער אַזוי איז עס געווען: די באַן־ליניע, וואָס איז דורכגעגאַנגען אַטוואָצק, האָט דורכגעשניטן די שטאָט אויף צוויי טיילן; זי איז געווען ווי אַ מחיצה צווישן די קראַנקע און די געזונטע, צווישן אָרעם און רייך, אָדער צווישן רייכע קראַנקע און אָרעמע קראַנקע, וויל מען דאַרף וויסן (איך האָב דאָ אין זינען קודם די, וואָס זענען נישט אונדזערע לאַנדסלייט), אַז אַטוואָצק איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: די לינקע טייל און די רעכטע טייל פון דער באַן־ליניע, אָדער די זייט און יענע זייט. די לינקע זייט, אָנקומענדיק מיט דער באַן פון וואַרשע, איז באַשטאַנען פון די סאַנאַטאָריעס, הייל־אַנשטאַלטן, דאָרטן וווּ ס'האָבן געוווינט מענטשן מיט אייגענע ווילעס; און די רעכטע טייל, וואָס איז באַשטאַנען פון נידעריקע אָרעמע הייזלעך, וווּ ס'האָבן געוווינט מענטשן, וועלכע האָבן געצויגן חיונה פון די קראַנקע לונגען ביי די שווינדזיכטיקע, וואָס האָבן זיך געפונען „פון יענער זייט באַן".

מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז וואָס גרעסער עס איז געווען די צאָל קראַנקע אויף „יענער זייט", אַלץ בעסער האָט מען געלעבט אויף „דער זייט".

צווישן די, וואָס זענען געקומען זוכן פּרנסה אין אַטוואָצק, האָבן זיך אויך געפונען מיינע עלטערן, וועלכע זענען אָנגעקומען אַהין פון דעם שטעטל קאַלביעל. צוזאַמען מיטן ביסל בעטגעוואַנט און ספרים, האָבן זיי דעמאָלט אויך מיטגעבראַכט קיין אַטוואָצק זייערע דריי זין, וואָס דער יינגסטער פון זיי איז קוים איין יאָר אַלט געווען. געקומען זענען מיינע עלטערן קיין אַטוואָצק, ווי אַ סך אַנדערע משפּחות, בלויז אויף דערווייל, אויפן זומער, צו שטילן דעם דורשט ביי די לעטניקעס מיט סאָדע־וואַסער אין די הייסע זומער־טעג און דורך דעם צו שטילן דעם הונגער פון זייערע דריי שוואַלבן. אָבער דער זומער האָט זיך פאַרענדיקט און זיי זענען שוין פון דאָרטן נישט צוריקגעפאָרן קיין קאַלביעל, זענען שוין געבליבן אויף שטענדיק אַטוואָצקער תושבים.

דאָס זעלבע איז מסתמא אויך פאָרגעקומען מיט אַנדערע משפּחות. און אַזוי האָט זיך דער ישוב אָנגעהויבן פאַנאַנדערצווואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט און פון אַרבע פּינות פּוילן האָט מען אָנגעהויבן צו שטראָמען קיין אַטוואָצק ווי, להבדיל, קיין אַמעריקע.

## דער אָנהויב פון יידישער שעפערישקייט

בכלל גענומען, ווען אַ שטאָט האַלט זיך אין בויען איז דעמאָלט פאַראַן אַרבעט פאַר פאַרשידענע פאַכלייט ווי סטאָליערעס, מויערער, גלעזער, מאָלערס, דאַך־לייגערס, אויוון־מאַכערס און אַנדערע. אָבער נישט בלויז אַזעלכע זענען געקומען אַהין. עס האָט מיטגעצויגן גלייכצייטיק מיט זיי קיין אַטוואָצק אַ דעקלאַסירטער עלעמענט, אַ מאַסע פּרנסהלאָזע יידן, וואָס האָבן געזוכט חיונה ביי האַנדל־וואַנדל. דאָס זענען געווען מלמדים, שמשים, שוחטים, למדנים, און סתם איידעלע יונגעלייט, איידעמס, וועלכע זענען אַראָפּ פון קעסט, געהאַט אָפּגעשפּאַרט אַ כאַר קינדערלעך, און זיי האָבן געדאַרפט זיך אָנהייבן צו שטעלן אויף די אייגענע פיס. שווער און שוויגער האָבן מיטגעגעבן אַ פּאָר גראָשן און אַ סך ברכות אין וועג אַריין און מען האָט זיי געשיקט קיין אַטוואָצק, וווּ מען „שאַרט געלט" זומער־צייט און מען גרייט זיך אָן אויף פּרנסה אויפן ווינטער. עס זענען אויך דעמאָלט געקומען יידן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט זייער אייגנס אַ פּאָר רובל און זיי האָבן געקויפט ערד בחצי חינם און שפּעטער פאַרקויפט פאַר אויפגעשרויפטע פּרייזן.

במשך פון עטלעכע יאָר האָבן די אַלע אָנגעקומענע חיונה־זוכער זיך גרופּירט אויף איין אָרט און טראַץ דעם וואָס איינער מיטן צווייטן האָט זיך נישט געקענט, האָט מען זיך גלייך דערנענטערט, געוואָרן היימיש צווישן זיך, וויל דאָרטן וווּ דריי יידן איז אַ מזומן און וווּ צען — איז אַ מנין, און איידער נאָך מען האָט זיך געהאַט פאַרזיכערט מיט פּרנסה האָט מען שוין געטראַכט פון אויפשטעלן אַ בית־מדרש, אַ מקוה, חדרים און חסידים־שטיבלעך און די זאָרג פאַר פּרנסה האָט מען איבערגעלאָזט פאַר „זיין ליבן נאָמען"; ער שפּייזט דאָך אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן אויף דער ערד, וועט ער מסתמא די ניי־אָנגעקומענע יידן אין אַטוואָצק אויך נישט פאַרלאָזן.

אַט דאָ הייבט זיך אָן די געשיכטע פון יידישן אַטוואָצק

און צום ליב פון דער ייִדישער שעפערישקייט, ענערגיע און וויטאַליטעט דאַרף עס אָנגעוויזן ווערן ווי שנעל אַט די אַלע אָנגעקומענע ייִדן פון פאַרשידענע שטעט אין פוילן האָבן כמעט מיט ליידיקע הענט געבויט און אַנט־וויקלט אַ שטאָט, אויפגעשטעלט אַן עקאָנאָמיש לעבן, מיט געזעלשאַפטלעכע, וועלטלעכע און רעליגיעזע אינסטי־טוציעס. אָטוואָצק איז געוואָרן באַקאַנט אין גאַנץ פוילן און אויך אין אויסלאַנד צוליב איר געאָגראַפישער און קלימאַטישער פּאָזיציע. אַ גרויסע מעלה איז געווען פאַר אָטוואָצק דאָס, וואָס זי האָט זיך געפונען בלויז עטלעכע און צוואַנציק קילאָמעטער פון וואַרשע. דאָס איז אָבער געווען אַ מעלה מיט אַ חסרון צוזאַמען. די מעלה איז באַ־שטאַנען אין דעם, וואָס צוליב דער נאָענטקייט פון דער הויפּשטאָט האָבן אַ סך וואַרשעווער ייִדישע משפּחות געהאַט די מעגלעכקייט אַרויסצוקומען קיין אָטוואָצק אויף שבתים און יום־טובים און דאָס איז געווען אַ קוואַל פון פּרנסה פאַר אָטוואָצקער איינוווינער; פון דער צווייטער זייט אָבער איז דאָס געווען אַ חסרון, ווייל צוליב דער־זעלבער נאָענטקייט צו דער גרויסער שטאָט האָט די יוגנט געקענט לייכט פאַרלאָזן אָטוואָצק בכדי צו זוכן אַרבעט, ברייטערע סביבה און גייסטיקע אַטמאָספער אין וואַרשע.

## זעלבסטשוץ

מיינע ערשטע פערזענלעכע זכרונות פון אונדזער היימשטאָט הייבן זיך אָן אין יאָר 1910. דאָס, וואָס האָט זיך מיר אַמשטאַרקסטן איינגעקריצט אין מיין זכרון פון יענער צייט, איז אַ געשלעג צווישן ייִדישע פורמאַנעס און קריסטלעכע פויערים אין אַ מאַרק־טאָג צוליב אַ פערד, וואָס האָט די כוליגאַנעס אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ גרימ־צאָרן, אַז זייערע אָנפאַלן האָבן אָנגענומען דעם כאַראַק־טער פון אַ פּאָגראָם.

ביי אונדז אין שטוב האָט זיך גראָד דעמאָלט געפונען צוגאַסט אַ קוזין פון שכנותדיק שטעטל וויענזאָוונע. דער־הערט אַז גויים שלאָגן ייִדן און ייִדן שלאָגן צוריק, לאָזן זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע, האָט מיין קוזין איבער־געלאָזט דעם גאַנצן כיבוד אויפן טיש, געכאַפּט אַ שטעקן און אַרויסגעלאָפן אין דרויסן צום געשלעג, וואָס איז פאָרגעקומען נישט ווייט פון אונדזער הויז. מיט מיינע פלינקע פינף־יאָריקע פיסלעך בין איך נאָכגעלאָפן נאָך מיין אַכצן־יאָריקן קוזין, וועלכער האָט געפאָכעט מיטן שטעקן אין האַנט.

מיט צוויי שעה שפּעטער, ווען מיין קוזין איז שוין צוריק געזעסן ביי זיין נישט־פאַרענדיקטן כיבוד, האָט ער

דערציילט מיין משפּחה וועגן דער גרויסער ייִדישער גבורה אויפן מאַרק, וועגן דעם ווי די ייִדן האָבן צוריק־געגעבן קלעפּ, אַז די שלעגער און פּאָגראָמשטשיקעס האָבן געמוזט אַנטלויפן ווו דער פעפער וואַקסט.

נאָך דער דאָזיקער געשעעניש האָב איך געהערט רעדן ביי אונדז אין שטוב, אַז מען דאַרף זיך נישט לאָזן, אַז מען דאַרף שאַפן אַ זעלבסטשוץ. אין אָטוואָצק האָבן זיך צו יענער צייט געפונען עטלעכע משפּחות, וואָס האָבן געהאַט אַנטיילגענומען אין די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון פינפטן יאָר. כאָטש אַט די רעוואָלוציאָנערן זענען שוין דעמאָלט, ווען עס גייט אַ רייד, געווען סטאַ־טעטשנע מענטשן, שוין געהאַט ווייבער מיט קינדער, שוין אויפגעהערט צו „בייסן שינעס און עסן חלבנע ליכט", ווי מען פלעגט זאָגן; געטראָגן געהאַקטע קאַפּאָט־קעלעך און געגאַנגען מיטן געהאַפטענעם טלית־זעקל אין בלאָטעס אָדער רייגדאָרפס בית־המדרש, זענען זיי פונ־דעסטוועגן געווען די איניציאַטאָרן פון שאַפן די זעלבסט־שוץ. די ערשטע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען ביי טוביה מאַקאַטאָווסקי און זי איז געווען שטרענג געהיים. ווי־נאָר די נאַכט פלעגט צופאַלן אַזוי האָבן פאַרלעך, צו צוויי



שלום גאָלדשטיין, פון דער פּאַריזער לאַנדסמאַנשאַפט (סאָסיעטעט) ביים ברודער קבר פון עטלעכע טויזנט ייִדן אין אָטוואָצק.

מענער, באַוואָפנט מיט שטעקנס אין די הענט און מיט אַן אָפּגערעדטן פּאַראָל אין מויל, בכדי מען זאָל זיי דער־קענען פון דער ווייטנס, געוואַכט פאַר די יידישע הייזער אין אָטוואָצק.

מען קען די דאָזיקע אַקציע באַצייכענען אַלס דעם אָנהייב פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און פון נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג און ווירדיקייט ביי אונדז אין שטאָט.

## די ערשטע וועלט־מלחמה

ווען אָטוואָצק איז געווען אין סאַמע אויפבלי און אויפשטייג האָבן איינמאָל אין אַ שיינעם פרייטיקדיקן זומער־טאָג זיך באַוויזן אַפישן אויף אירע ווענט, וואָס האָבן מודיע געווען, אַז צומאָרגנס, שבת, דעם צווייטן אויגוסט 1914, דאַרפן אַלע מיליטער־פליכטיקע מענער זיך צושטעלן קיין קאַרטשעוו, אין דער געמינע (אָטוואָצק איז נאָך דעמאָלט, אין יאָר 1914, אפילו קיין גמינע נישט געווען). אַזוי ווי די גרעסטע טייל יידן, גערופענע צום מיליטער, האָבן נישט געוואָלט מחלל שבת זיין מיטן טראָגן זייערע פּעקלעך מיט זיך בעתן לאָזן זיך אין וועג אַריין, זענען זיי אַוועק פון שטוב נאָך פרייטיק פאַר ליכט־צינדן.

באַלד האָבן זיך אויפן אָטוואָצקער מאַרק־פּלאַץ פאַר־זאַמלט יונגע יידן, וואָס בלויז די בערד זייערע האָבן זיי אַלט געמאַכט פאַר דער צייט, מיט פּעקלעך און מיט קעסטלעך אין די הענט, באַגלייט פון זייערע אומעטיקע פרויען און קינדער, פאָטערס און מוטערס, וואָס זענען מיטגעגאַנגען מיט די מאָביליזירטע יונגעלייט ביז דער שטאָט אַרויס.

מיין פאָטער, וועלכער איז דעמאָלט אַלט געווען קוים זיבן און דרייסיק יאָר, איז געווען אין אַ גליקלעכער לאַגע. איך געדענק ווי ער איז צוגעגאַנגען צו דער אַלטער קאָמאָד אונדזערער און אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקל פּאַפּירן און גע־פונען צווישן זיי זיין בלאָען בילעט, וואָס האָט באַוויזן, אַז ער איז באַפרייט פון מיליטער. אַ שכן אונדזערער איז אַרויס פון שטוב, באַגלייט פון זיין וויינענדיקער פרוי און עטלעכע קינדער. דאָס עלטסטע פון זיי, אַ יינגל פון ניין יאָר, איז געווען מיינער אַ חבר. מיר איז געווען אַ רחמנות אויף אים און אויך אומהיימלעך צוליב דעם וואָס מיין טאַטע בלייבט איבער אין דער היים, און איך האָב געפונען אַ טרייסט פאַר אים: ווען איך האָב געזען זיין טאַטן, אַ קרעפּטיקן און ברייט־פּלייציקן, שפּאַנען מיט פעסטע טריט צום זאַמלפּונקט האָב איך געזאָגט צו מיין חבר:

„דיין טאַטע האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, ער איז אַזאַ שטאַרקער, אַז מיט איין פינגער וועט ער אַוועק־הרגענען אַ דייטש״.

אַזוי האָב איך באַנומען די מלחמה מיט מיין קינ־דערישן שכל.

צומאָרגנס, שבת, גייענדיק דורך די אָטוואָצקער גאַסן, האָט מיך אַ שרעק אַרומגענומען. ס׳איז אומעטום געווען טרויעריק ווי תשעה־באב ביי קינות און אַ פחד האָט געהערשט ווי יום־כיפור ביי כל־נדרי. מען האָט געפילט ווי אַלץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין אַן אַ שיעור שטובן האָבן געפעלט די מענער און מען האָט געפילט דעם עלנט און אומעט. די געוועלבער זענען געווען פאַרמאַכט, די לאָדנס פאַרהעמערט, גרופּקעלעך יידן זענען דאָ און דאָרטן געשטאַנען, טייל זענען אַנטלאָפן, אַנדערע האָבן געוואַרט. יעדער האָט געזאָגט זיין מיינונג וועגן די געשעענישן. אָט רופט זיך אָפּ איין ייד צו אַן אַנדערן: „גייט שוין, גייט, ר׳ בעריש, קיין פיר וואָכן וועט די מלחמה נישט אָנהאַלטן״.

מיין פאָטער רייסט אַראָפּ ביי אונדז אין שטוב די ברעטער פון דיל און מיר, די יינגלעך, העלפן אים צו גראָבן אַ גרוב. ער שטעלט דאָרטן אַריין אַ שטרויענעם קויש, לייגט אַריין אין אים די פּליושענע קאָלדרעס, די זילבערנע לייכטער, נאָך אַנדערע חפצים, נאָך דעם פאַר־מאַכט ער דעם קויש, דעקט צוריק צו די ברעטער און גרייטנדיק זיך צו פאַרשליסן די טירן, זאָגט ער צו אונדז:

„קינדערלעך, מיר פאָרן אַוועק צו מיינע עלטערן אין מינסק־מאַזאָוויעצק״.

אויפן געדונגענעם פויערישן פורל מיט לייטערס פון ביידע זייטן זיצט אַ גאַנצע משפחה. דאָס פערדל שלעפּט זיך קוים אויף די זאַמדיקע פּוילישע וועגן גאַנצע זיבן ווערסט, אַזוי ביז צום הויפּט־שאָסיי וואַרשע־לובלין. דאָרטן וועט זיך שוין פאָרן בעסער. נאָך גענוג ווייט פון שאָסיי הערט מען דאָס קלאַפּן פון פערדישע קאָפּיטעס און דאָס טראַסקען פון רעדער וואָס אַמאָל שטאַרקער און העכער.

מיר קומען ענדלעך אָן צום שאָסיי. מען לאָזט אָבער נישט אַרויף אויף אים קיין ציווילע מענטשן. ער איז פאַרנומען דורך די יחסנים, די מיליטער־לייט. עס גייען סאָלדאַטן. מען רייט און מען פאָרט אין ביידע ריכטונגען. איין אַרמיי גייט קיין וואַרשע און אַ צווייטע קיין לובלין.

נאָך לאַנגע שעהן אַזוי אָפּשטיין אויפן זייטיקן וועג

קומען מיר ענדלעך אַרויף אויפן שאָסיי. דאָס פערדל דערפילט זיך לייכט און גוט און עס צעבריקעוועט זיך. פונדעסטוועגן דויערט נאָך לאַנג דאָס שלעפן זיך אונטערוועגנס און ערשט שפּעט אין אָוונט קומען מיר אָן קיין מינסק־מאַזאָוויעצק.

איידער די נאַכט איז צוגעלאָפן האָט נאָך מיין טאַטע באַוויזן אַריינצוכאַפּן אַ מנחה ביי אַ בוים אויפן וועג. אויף אונדז, יינגלעך, האָט ער געהאַט רחמנות און אונדז דורכגעלאָזט, נישט געמאָנט זיך דאָס מאָל ביי אונדז דאָס דאַווענען.

נאָכן זיין פיר וואָכן אין מינסק־מאַזאָוויעצק קערן מיר זיך אום צוריק קיין אָטוואָצק. ס׳דערנענטערן זיך די ימים־נוראים און אויפן האַרצן איז עפּעס אַזוי טרויעריק, נאָך טרויעריקער ווי אַן אַנדערש מאָל אין דער צייט פון די ימים נוראים. ס׳איז נישטאָ קיין חדר, נישטאָ קיין חברים, מען שפּילט זיך נישט, מען לערנט נישט. אונדזער פאָטער זאָגט צו אונדז: „ס׳איז טאַקע אַ מלחמה, אָבער מען דאַרף נישט וואַקסן קיין גויים”. און ביי דער שיין פון דעם קוים בלישטשענדיקן נאַפט־לעמפּל זיצן מיר אויף אַ באַנק און אונדזער פאָטער לערנט מיט אונדז, זיינע זין, מיט וועמען אַ בלאַט גמרא, מיט וועמען אַ פּרשה חומש.

אינגיכן ווער איך גאָר פון אַ חומש־יינגל אַ „סוחר”. דאָס איז געקומען צוליב דעם וואָס די רוסישע מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז אַלע געוועלבער מוזן זיין אָפן שבת, ווייל טאָמער גייט אַדורך מיליטער זאָלן זיי האָבן וווּ צו קויפן עפּעס. מיינע עלטערן האָבן באַשטימט, אַז איך זאָל שטיין אין געוועלב. זעט אויס, זיי האָבן געטראַכט, אַז אויף מיר וועט די עבירה נישט זיין אַזוי גרויס. מיין מוטער האָט מיר געוויזן וווּ די סחורה געפינט זיך אין געוועלב און מיך באַקענט מיט די פּרייזן. אַ לויט צוקערלעך קאָסט כך וכך, אַ שטיקל כאַלוועס צי אַן אַנדער נאַשוואַרג קאָסט אַזויפיל אין אַזויפיל.

שבת אינדערפרי האָב איך געעפנט דאָס געוועלב, בלויז אויפגעלענט איין טיר. און גאָט האָט געהאָלפן, איך האָב נישט מחלל שבת געווען. קיין קונה האָט נישט אַריינגעשמעקט אין מיין געוועלב אַריין.

די איינרעדעניש, אַז די מלחמה וועט לאַנג נישט דויערן האָט אַלעמען אַנטוישט. מען האָט איינגעזען, אַז דאָס איז אַ פאַרשלעפטע קרענק. די ווערטער: „ווער ווייסט, ווי לאַנג דאָס וועט נאָך דויערן” איז נישט אַראָפּ פון מיין מאַמעס ליפּן. און נאָך אַ לאַנגן שווערן ווינטער־

האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין קלאַנגען, אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך און רוקט זיך צו צו אונדז.

דאָס האָט זיך טאַקע באַשטעטיקט.

איינמאָל זענען מיר, יינגלעך, אַרויס אין גאַס און מיר האָבן געזען ווי פון שווידער קומען אָן צו רייטן דייטשן אויף פערד, מיט העלמען אויף די קעפּ און מיט לאַנגע פּיקעס אין די הענט.

די רוסן זענען אַוועק און פּוילן איז באַהערשט געוואָרן דורך אַ צווייטן אָקופּאַנט.

## איראָניע פון גורל

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, איז עס אַ פאַקט, אַז אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אויפגעלעבט. עס זענען אויפגעקומען יידישע אָרגאַנזאַציעס, אינסטיטוציעס און פאַראיינען אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון דער פּוילישער טעריטאָריע. און אַזוי ווי יעדעס שטעטל איז געווען אַן אָפּגעשלאָסענע באַזונדערע וועלט פאַר זיך, האָט עס מיט אייגענע כוחות אָרגאַניזירט ביי זיך קולטור־פאַראייגען, אָרגאַניזאַציעס און ביבליאָטעקן אונטער פאַרשידענע נעמען. און דאָס איז אויך חל־געווען פאַר אונדז אין אָטוואָצק.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען דאָס יוגנט־לעבן אין אונדזער היימשטאָט אין יאָר 1916?

איין טייל פון דער יוגנט האָט געאַרבעט ביי די אָקאָפּעס פאַרן דייטשן מיליטער אין שווידער און יוזעפאָוו. אַ צווייטע טייל האָט געהאַנדלט, אָדער ווי עס האָט צו יענער צייט געהייסן: געשמוגלט. אַלע צוזאַמען האָבן געגוג אונטערגעהונגערט. אָבער טראָץ דעם הונגער און נויט איז מען געווען גענוג רירעוודיק און אַקטיוו און מען האָט אין דעם זעלבן יאָר אויפגעשטעלט אין אָטוואָצק עטלעכע קולטור־פאַראיינען. דער „אין קמח אין תורה” האָט דאָ אויף אונדז נישט געהאַט קיין שליטה.

צו יענער צייט איז ביי אונדז געווען זייער אַקטיוו אַ גרופּע אינטעליגענץ, וואָס איז באַשטאַנען פון מענטשן, וועלכע זענען געהאַט געקומען קיין אָטוואָצק אויף דערווייל און זענען דאָ שוין געבליבן שטעקן צוליב פאַרשידענע טעמים. זיי האָבן דאָס אַ סך צוגעהאָלפן ביים אָרגאַניזירן די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. צווישן זיי איז געווען אַ משפחה, וואָס איז געקומען אַהער פון וואַרשע אין יאָר 1913, דאָ געקויפט אַ ווילע. די משפחה איז באַשטאַנען פון אַ פאָרפאָלק מיט פיר זין און דריי טעכטער. דאָס איז געווען די משפחה קופּערפּיש. די

אַלטע אָטוואָצקער תושבים וועלן זיך זיכער דערמאָנען
אין הלל און יוכבד קופּערפּיש. בײַ זײ אין הויז איז
אויפגעקומען נישט איין אָרגאַניזאַציע. וואָס האָט אײפּ־
געלעבט די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין אָטוואָצק.

צווישן די צוגעפאָרענע אינטעליגענטן אין קולטור־
שעפער האָבן זיך דעמאָלט געפונען דער בּזקאָ־טער
שרייבער און דראַמאַטורג יעקב פּרעגער און זײַן פרוי,
אַ דענטיסטין; יאַבלאָנסקי, שפּעטערדיקער וויצע־פּרעז־
זידענט פון אָטוואָצקער מאַגיסטראַט און די משפחה
זווערבוך, פון אונדזערע היימישע מענטשן. אין געזעל־
שאַפטלעכן לעבן האָבן אויך אָנטיילגענומען די משפחות
אורבאַך, רושניעווסקי, ברייטשטיין, פיגא און מעלאַמעד.

נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז באַשלאָסן געוואָרן צו
שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע פון בלויז בחורים בכדי מען זאָל
קענען שבת דאַווענען אין „אַלטוואַרג״. ס׳הייסט זײַן מיט
זיך אַליין. לאַנג האָט די דאָזיקע געזעלשאַפט נישט
עקזיסטירט, ווײַל די בחורים האָבן איינגעזען, אַז ס׳איז
לאַנג צו וואַרטן פון איין שבת ביזן צווייטן און גאָרנישט
טאָן, אַחוץ קושן דאַרטן די ספר־תורה. מען דאַרף אויך
האָבן אַ גאַנצע וואָך מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען. איז
באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ קולטור־פאַראיין. מען איז
אַרייגעפאָרן קיין וואַרשע. מען האָט אַרויסגענומען אַ
לעגאַליזאַציע אויף אַזאַ פאַראיין, וואָס איז געווען אַן
אָפּטיילונג פון די פּועלי־ציון.

די אָטוואָצקער יוגנט הייבט אָן זיך צונויפצוקומען.
מען זעט ייִנגלעך מיט מיידלעך צוזאַמען. דאָס לאָזט נישט
רוען דעם אָטוואָצקער רב, וועלכער באַמיט זיך מיט אַלע
מיטלען צו פאַרמאַכן דאָס זינדיקע אָרט פון די פּושעים,
ווו עס טרעפן זיך בחורים מיט מיידלעך, רחמנא ליצלן,
ווײַל דאָס איז שטרוי מיט פײַער און אַ גרויסע סכנה
פאַר דער שטאָט אָטוואָצק.

אָבער וווּ יוגנט, דאָ איז כוח. האָט זי אויך דאָ, ווי
אומעטום, גובר געווען אַלע שוועריקייטן און מניעות און
פאָרגעזעצט איר טעטיקייט און אָנגעהויבן די אַרבעט מיט
פאַרשידענע פּאָליטישע און קולטור־אימפּרעזעס. צווישן
די פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געקומען דעמאָלט אין
אָטוואָצקער קולטור־פאַראיין האַלטן פאָרלעזונגען, האָט
זיך אויך געפונען דער באַקאַנטער בונדישער פירער
וולאַדימיר מעדעם.

עס ענדיקט זיך די מלחמה. די דײַטשן ווערן פאַר־
טריבן פון פּוילן. באַלד קומט אונטער דער פּויליש־באָל־
שעוויסטישער קריג. פּוילן לעבט אין מלחמה־פיבער, די
גרעסטע טייל יוגנט ווערט אַריינגעצויגן אין פּוילישן
מיליטער. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן ווערט פּאַראַלי־
זירט. די רויטע אַרמיי קומט אַריין אין פּוילן. די לינק־
געשטימטע יוגנט נעמט זי אויף מיט אָפענע אָרעמס. אין
יעדער שטאָט און שטעטל וואָס זי פאַרנעמט, שאַפן זיך
רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן. הגם אויך אין אָטוואָצק איז
די רויטע אַרמיי אַריין, איז דאָ בײַ אונדז קיין רעוואָ־
לוציאָנערער קאָמיטעט נישט געשאַפן געוואָרן. זעט אויס,
אַז די באַדינגונגען און געהעריקע עלעמענטן דערפֿאַר
זענען נישט געווען בנמצא צוליב דעם נישט־סטאַבילן
מצב פון דער יונגער שטאָט. דאָך האָט זיך געשאַפן אַ
גרופּע אָטוואָצקער רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן צוגע־
גרייט דאָס אויפנעמען די רויטע אַרמיי. אין די שפּעטער־
דיקע יאָרן איז זײ צוגערעכנט געוואָרן דער זכות ווי
מיטגלידער פון אַ רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט.

## נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט, וואָס האָט בעת דער
דײַטשער אָקופּאַציע געפירט אַ קולטור־אַרבעט, פאַרלאָזט
איצטער צו ביסלעך אָטוואָצק. עס ציט זײ אין דער
גרויסער שטאָט אַריין, קיין וואַרשע. די אָטוואָצקער תוש־
בים, וואָס לויט אונדזערע דעמאָלטיקע השגות, שוין
עלטערע מענטשן, גרינדן געזעלשאַפטן, חברות, ווי ביקור־
חולים, הכנסת־כלה, חברה קדישא, חברה משניות, תהילים־
זאָגערס. אַ ביסל שפּעטער זענען אויך געשאַפן געוואָרן:
אַ האַנטווערקער־פאַראיין, אַ לײַ־קאַסע און אַנדערע אָרגאַ־
ניזאַציעס. אָבער מיר, די פופצן־יאָריקע און זעכצן־יאָריקע
ייִנגלעך און מיידלעך זענען שטיין געבליבן בײַ אַ ליידי־
קער קאָריטע, בײַ גאָרנישט. די מלחמה־און אָקופּאַציע־
צײַט האָט צעשטערט אונדזער לערע. די בעסטע יאָרן
אויף צו שטודירן און לערנען זענען אַוועק און איצטער
זענען מיר שוין צו גרויס אויף צו גיין אין שול אַריין און
נאָך צו קליין אויף צו גיין אַרבעטן.

באין־ברירה האָט יעדער פון אונדז געמוזט זיך נעמען
זוכן עפּעס אַ באַשעפטיקונג. ווער ס׳איז געגאַנגען לערנען
זיך אַ פאַך, ווער צוהעלפן די עלטערן בײַ זייער אַרבעט,
אָדער מסחר. מען האָט שוין, מיט איין וואָרט, געהאַט מיט
וואָס זיך צו פאַרנעמען אין די טעג פון אַ גאַנצער וואָך;
וואָס האָט מען אָבער געקענט טאָן אין די שבתים און
יום־טובים? מען טרעפט זיך אויף דער גאַס, מען דרייט
זיך אַרום בײַ די ווענט, מען יאָגט טויבן, מען שפּילט אין
פּאַלאַנט. מיר האָבן נישט קיין לערער און קיין וועג־
ווײַזער. וווּהין זאָל מען גיין? מיט כוח ווילן מיר, יוגנט־
לעכע, עפּעס טאָן, אָבער מיר ווייסן נישט וואָס. מיר

זענען מקנא אונדזערע עלטערן, וואָס האָבן זייערע אָר־
גאַניזאַציעס און מיר ווילן זיך עפּעס אָפּלערנען זיי.

אָנהייב יאָר 1921 באַשליסן מיר צו גרינדן אַ געזעל־
שאַפֿט מיטן נאָמען „עזרת עניים". די גרינדער זענען
געווען: חיים נחום סאָלניצקי, דאָווטשע קויפֿמאַן, העניך
הימעלשטיין, אני הקטן און נאָך עטלעכע יונגטלעכע,
וועלכע זענען, ליידער, נישטאָ מער, און וואָס אפילו
זייערע נעמען דערמאָן איך זיך נישט, צום באַדויערן.

מיר מאַכן נאָך די גרויסע און שאַפֿן אויך אַ ביקור־
חולים. אַז עס קומט פּורים פֿאַרשטעלן מיר זיך אין פֿאַר־
שידענע קאָסטיומען און מאַסקעס, ווי די גרויסע, און מיר
גייען איבער די פּענסיאָנאַטן און פּריוואַטע הייזער, מיר
שפּילן „מכירת־יוסף", מיר זאַמלען געלט, און מיר צעטיילן
עס צווישן אָרעמעלייט, וואָס האָבן ביי אונדז נישט
געפֿעלט. מיט איין וואָרט, מיר ווערן אַ גאַנצע אינסטי־
טוציע, צו וועלכער אַ סך משפּחות קומען נאָך שטיצע.
אונדזער קאָמיטעט איז זייער אַקטיוו, מיר האָבן פֿאַר־
שידענע פּלענער, לויט אונדזערע קינדערישע פֿאַנטאַזיעס.
עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די געזעלשאַפֿט ביקור־
חולים פֿון די גרויסע האָט אונדז אַרויסגערופֿן אויף אַ
דין־תּורה צום אָטוואָצקער רבֿ מיט דער טענה, אַז מיר
מאַכן זיי קאָנקורענץ. דער פּסק־דין איז געווען, אַז מיר
האָבן רעכט אַריינצוגיין אין הייזער זאַמלען געלט ערשט
נאָך דעם ווי די גרויסע זענען שוין דאָרט געווען.

אונדזער אָרגאַניזאַציע צעוואַקסט זיך, באַקומט אָנזען;
זי גיט אָבער אונדזער יוגנט נישט קיין סאַטיספֿאַקציע, זי
האָט זיך געריסן צו מעשים, צו נייע געזעלשאַפֿטלעכע און
קולטור־טעטיקייטן.

בעת אונדזערע שבתדיקע שפּאַצירן באַמערקן מיר
שוין יונגעלייט צוזאַמען מיט מיידלעך מיט ביכער אונטער
די אָרעמס, מיט צייטונגען אין די הענט. מיר האָבן
געקוקט מיט דרך־ארץ אויף זיי. אין אונדזער גרופּע איז
דער ערשטער געווען חיים נחום סאָלניצקי, וואָס האָט
אויך אָנגעהויבן אַרומגיין מיט אַ בוך אונטערן אָרעם. ער
האָט אונדז גערופֿן, אַז מיר זאָלן גיין לייענען דאָס בוך
צוזאַמען. אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט, איז דאָס
געווען „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" פֿון יעקב דינעז־
זאָן. מיר האָבן זיך, נאָכן איבערלייענען דאָס בוך פֿון
דינעזאָנען, צוגעכאַפּט צו די ביכער פֿון שלום־עליכם,
פּרצן און מענדעלען. מיר האָבן זיי פּשוט געשלונגען. עס
איז אָנגעגאַנגען אַ געוועט צווישן אונדז, יונגטלעכע, ווער
עס לייענט מער און שנעלער. בעת אונדזערע שמועסן
האָבן מיר אַ סך גערעדט וועגן די געלייענטע ביכער, מיר
האָבן געלעבט מיט די העלדן פֿון די ראָמאַנען, מיט די
אויסגעטראַכטע און אמתע מעשיות. דאָס איז געוואָרן
אונדזער טאָג־טעגלעך ברויט.

## די יוגנט לעבט אויף

אין יאָר 1922 זענען אין פּוילן פֿאַרגעקומען וואַלן
צום סיים, צו אונדז, יונגטלעכע, דערגייען נייע ווערטער
און נעמען ווי יצחק גרינבוים, נח פּרילוצקי, וועלכער איז
באַזונדערס געוואָרן פּאָפּולער נאָך דער טראַגעדיע יאַב־
לאָנע, ווו די פּוילישע רעגירונג האָט אינטערנירט יידישע
אָפֿיצירן און זעלנער. מען האָט אָנגעהויבן הערן צווישן
אונדז אַזעלכע נעמען ווי לענין, טראָצקי, קאַרל מאַרקס,
רוסישע רעוואָלוציע, נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. אַלץ האָט
זיך אויסגעמישט אין אונדזערע יונגע מוחות.

אין טאָג פֿון די וואַלן איז אָטוואָצק געווען פֿול מיט
פּראָפּאַגאַנדיסטן פֿון אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך
באַמיט צו געווינען שטימען און איינפֿלוסן צווישן די
יידן פֿון אונדזער שטאָט. נאָך די וואַלן זענען אין אָטוואָצק
אויסגעוואַקסן נייע אָרגאַניזאַציעס ווי די ציוניסטישע
„קדימה" און קולטור־פֿאַראיינען. אַ נייעס, וואָס איך האָב
דעמאָלט געזען ביי מיין עלטערן ברודער, איז געווען אַ
שקל, ווו ס'איז געווען אָפּגעדרוקט ד"ר הערצלס אני
מאמין וועגן שאַפֿן אַ געזיכערטע היים פֿאַר יידן אין
פּאַלעסטינע. דעם דאָזיקן פּסוק האָב איך זיך אויסגעלערנט
פֿון אויסנווייניק ווי אשרי. אויך אַנדערע פּראָזן, לאָזונגען
און פּראָגראַמען שלאָגן זיך דורך אַ וועג צו אונדז,
יונגטלעכע.

דערווייל האָט מען געעפֿנט אַ נייעם קולטור־פֿאַראיין
און נייע אָרגאַניזאַציעס. אָבער די אָרגאַניזאַציעס זענען
געווען צעטיילט דורך דער באַן־ליניע ווי אַלץ אין
אָטוואָצק, צווישן געזונטע און קראַנקע, צווישן אָרעם און
רייך. די ציוניסטישע יוגנט, וואָס מיר האָבן אָפּגעשאַצט
אַלס בורזשואַזע יוגנט, האָט געהאַט איר אָרגאַניזאַציע
אין דער „בעסערער זייט" פֿון אָטוואָצק און די פּראָלע־
טאַרישע יוגנט האָט געהאַט איר אָרגאַניזאַציע אויף דער
„אָרעמער זייט". מיר, די גרופּע פֿון „עזרת עניים", צעטיילט
זיך דאַן. איין טייל גייט אַוועק צו דער „בורזשואַזיע", צו
די ציוניסטן, די צווייטע טייל — צו דער אַרבעטער־יוגנט,
צו די אונטערדרריקטע.

## מיין אויסוואַל

די יידישע אינסטיטוציעס האָבן נאָך צו יענער צייט
נישט געהאַט קיין אייגענע לאָקאַלן. זייער טעטיקייט איז

אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין פּריוואַטע הייזער, ווי בײַ טוביה מאַקאַטאָווסקין, יחזקאל גריצמאַן, שלמה לייב סאָלניצקי, קאַצענעלבאָגען, פּיליע פּאַניצמאַן, בעריש גאָלדשטיין און אַנדערע.

צו אונדז אין שטוב הייבן אָן צו קומען מענטשן מיט פֿאַרשידענע ענינים. ס'רוב זענען דאָס געווען פּרויען, וואָס איך האָב אָפּט געזען וויינענדיקע. זיי זענען געקומען ווער נאָך מצות אויף פּסח, ווער נאָך אַ רעצעפּט פֿאַר אַ קראַנקן און ווער מכוח אַ קרקע פֿאַר אַ געשטאָרבן קינד, כּדי וועלכער מ'האָט נישט צו באַצאָלן. מען איז אויך געקומען צו אונדז וועגן אָפּשפּרעכן עין־הרעס. מײַן פֿאָטער, בטבע אַן אויפֿגערעגטער מענטש, האָט געשריגן, געמאַכט געוואַלדן: „וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט נאָר אויף מיר? ס'זענען דאָך דאָ אַנדערע ייִדן אויך אין אָטוואָצק". אָבער שפּעטער האָט ער אַלץ דערלייַדיקט לויט זײַנע מעגלעכקייטן.

די אָפּטיילונג פֿאַר אָפּשפּרעכן עין־הרעס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אונדז, די זין. מאַמעס פֿון קינדער ווענדן זיך צו מיר: „כ'בעט אײַך, שפּרעכן זי מיר אָפּ אַן עין־הרע, ס'קינד איז מיר פֿאַרבײַ".

די ערשטע צײַט האָב איך גענומען די פֿונקציע מײַנע זייער ערנסט. אַ ביסל שפּעטער האָב איך שוין אָנגעהויבן די עין־הרעס אָפּצופּטרן, איבערהיפּערן ווערטער. נאָך דעם האָב איך בלויז צוגעזאָגט די עין־הרעס אָפּצושפּרעכן, אָבער נישט געהאַלטן וואָרט. כ'האָב געזאָגט בלויז אַז כ'האָב אָפּגעשפּראָכן און די מאַמעס האָבן מיר געדאַנקט און מיר נאָך פֿאַרזיכערט, אַז באַלד נאָך דעם ווי איך האָב די עין־הרע אָפּגעשפּראָכן איז דעם קינד בעסער געוואָרן. כ'בין פֿונדעסטוועגן געווען צופֿרידן וואָס גאָרנישט טוענדיק האָב איך באַוויזן געזונט צו מאַכן קינדער.

צוקוקנדיק זיך צו די אומבאַהאָלפֿענע אָרעמע מענטשן, זעענדיק זייער נויט און עלנט האָט זיך בײַ מיר דערוועקט אַ רחמנות און דאָס דאָזיקע געפֿיל האָט מ'ך אָוועקגענומען פֿון דער „בורזשואַזער" ציוניסטישער יוגנט און מיך אַרײַנגעפֿירט אינעם קולטור־פֿאַראיין, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער „אָרעמער זײַט".

אין די פֿרײַטיק צונאַכטן, נאָך דער שבתדיקער סעודה, פֿלעג איך זיך אַרויסגנבענען פֿון שטוב און מיט נאָך עטלעכע יוגנטלעכע קומען אין פֿאַראיין אַרײַן, וואָס האָט זיך געפֿונען אויף דער שווידערסקע גאַס. איידער מיר עפֿענען די טיר נעם איך אַראָפּ דאָס „ייִדישע היטעלע". עפּעס פּאַסט נישט דערמיט אַרײַנצוגיין אין אַ קולטור־פֿאַראיין, האָב איך זיך געטראַכט. אין פֿאַראיין דאַרף גראָד הײַנט פֿאָרקומען אַ קעסטל־אָוונט. דערווײַל קוק איך זיך אַרום אויף די ווענט פֿונעם לאָקאַל. איך זע בילדער, לאָזונגען: „וויסן איז מאַכט". „פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער פֿאַראייניקט אײַך". „געווינען קען מען אַ וועלט, פֿאַרלירן קען מען נאָר די קייטן". איך באַטראַכט די בילדער. אויף איינעם, מיט אַ האַלב־גראָער באָרד, זאָגט מען מיר אַז דאָס איז קאַרל מאַרקס, דער צווייטער אויך מיט אַ באָרד איז ענגעלס. ביידע זענען די מחברים פֿון „קאָמוניסטישן מאַניפֿעסט", זאָגט מען מיר. דערלעבן איז בער באָראָכאָוו, וולאַדימיר מעדעם. אַ ציטער נעמט מיך אַדורך. אַלץ אַזעלכע גרויסע מענטשן. מיטאַמאָל הער איך אַ קלונג. דער קעסטל־אָוונט הייבט זיך אָן. יעדער, ווער עס וויל, לייגט אַרײַן אין אַ קעסטל אַ צעטעלע מיט אַ פֿראַגע און דער, וואָס נעמט די צעטעלעך מיט די פֿראַגן אַרויס, דער מיז אַלץ וויסן און מוז אויף אַלעם ענטפֿערן. מיר, יוגנטלעכע, ווילן וויסן ווי אַזוי עס קומט אַ בליץ און אַ דונער, פֿון וואַנען עס נעמט זיך שניי און דער עיקר, צי ס'איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. שוין מוז מען אָפּפּסקענען, יאָ אָדער ניין. איינס איז זיכער, די יוגנט, וואָס האָט נישט דורכגעמאַכט קיין שולן, וויל אַלץ וויסן. יעדעס נײַע וואָרט איז פֿאַר זיי אַן אַנטפּלעקונג.

די אָטוואָצקער יוגנט עפֿנט די אויגן.

## די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן

די פּראָלעטאַרישע קרענק, וואָס האָט געברענגט פֿאַרשידענע עלעמענטן קיין אָטוואָצק, האָט אויך געבראַכט צענער אינטעליגענטן, רײַפֿע געזעלשאַפֿטלעכע מענטשן מיט בילדונג און קולטור. מען דאַרף דאָ מיט דרך־ארץ דערמאָנען אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געווען אַקטיוו בײַ אונדז צו יענער צײַט, ווי באַשעוויטש, קופּערמאַן, פּעלעק ראָט און זײַן פֿרוי אַנקע, אַ דענטיסטין. פֿון די אָטוואָצקער אײַנוווינער: שמואל שטיין, פּייוול מאַשינקע, פֿריידקע פֿינקעלשטיין, ראובן ווילענדאָרף, משה בורשטיין און פֿייגל אורבאַך. דאָס איז געווען דער ערשטער עקיפּ פֿון בויער פֿון דעם שפּעטערדיקן אַזוי רײַכן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן בײַ אונדז אין שטאָט.

דער ערשטער פֿאַראיין אויף דער „אָרעמער זײַט" פֿון אָטוואָצק האָט זיך גערופֿן „פֿאַראיין פֿון נישט־פֿאַכאָווע אַרבעטער". אַזאַ איז געווען די לעגאַליזאַציע. פֿונדעסטוועגן האָט מען געזען קומען אין פֿאַראיין אַרײַן יוגנט פֿון פֿאַרשידענע פֿאַכן ווי שנײַדער, שוסטער, סטאָלער, מאָלער. מען האָט געוואָלט זײַן אָרגאַניזירט, אויסקעמפֿן בעסערע באַדינגונגען בײַ די באַלעבאַטים.

אין דער זעלבער צייט הייבט זיך אָן דער קאַמף כּאַר פּאָליטישער השפּעה צווישן די אַרבעטער און דער יוגנט. יעדער צד וויל געווינען וואָס מער אָנהענגער פאַר זיך. עס קריסטאַליזירן זיך אויס די פּאַרטיי־גרופּן. זייערע פאָרשטייער זענען: באַשעוויטש, קופּערמאַן, פּעלעק ראָט און פייגל אורבאַך פון דער לינקער באַוועגונג; שמואל שטיין, פייוול מאשינקע און פריידקע פינקעלשטיין פון „בונד"; ראובן ווילענדאָרף און משה בורשטיין פון די פּועלי־ציון. מען מוז מודה זיין, אַז דער צווישן־פּאַרטייאישער קאַמף האָט אַ סך שאָדן געברענגט דער פּראָפּעסיאָנעלער באַוועגונג. באַזונדערע פּאַרטייאישע פראַקציעס ווערן אָפּגעהאַלטן אין דעם לאָקאַל פון פאַראיין. יעדער רייסט די יוגנט אין זיין באַוועגונג אַריין, אָבער די לינקע געלינגט וואָס אַמאָל אַלץ מער יוגנטלעכע אַריינצוציען אין זייערע רייען. די ראַדיקאַלע לאָזונגען אימפּאָנירן און ציען אַ סך צו. וואָס האָט דען געקענט נאָך שענער און בעסער זיין ווי קאַמף קעגן עקספּלאָאַטאַציע, קעגן אָרעמקייט און אונטערדריקונג, פאַר פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע מענטשן? בלויז די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע קען אייך באַפרייען פון די קייטן פון קנעכטשאַפט, האָט מען אונדז צוגעזאָגט. „באַפרייט אייך פון בית־מדרש, פון פאַנאַטישן טאַטן און קומט מיט אונדז צוזאַמען בויען אַ שיינע באַפרייטע וועלט!" אַלס ביישפּיל האָט מען געוויזן דעם ראַטנפאַרבאַנד, די רוסישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט שוין דעמאָלט געפּייערט פינף יאָר פון איר עקזיסטענץ. די קאַפּיטאַליסטישע וועלט וויל זי דערשטיקן, די פאַרקויפטע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַגענטן און טרייע דינער פון קאַפּיטאַליזם העלפן איר צו. דעריבער — אַלע אין די קאָמוניסטישע רייען!

פאַרכאַפּט פון די דאָזיקע לאָזונגען און אויך געשטויסן דורך מיין רחמנות־געפיל לגבי מענטשן, האָב איך זיך איינגיכן אויך געפונען אין די דאָזיקע רייען. אַריינטרעטנדיק אין דער באַוועגונג, האָב איך אויך מיטגעריסן מיט זיך אַ גרעסערע גרופּע פון מיינע חברים.

ביסלעכווייז שיילן זיך אויס צוויי אידעאָלאָגיעס, וואָס ציען צו די אָטוואָצקער יוגנט. דאָס זענען ציוניזם און קאָמוניזם, וואָס זענען פאַרקערפּערט אין צוויי נעמען פון לענדער: „פּאַלעסטינע" און „ראַטנפאַרבאַנד". די ציוניסטישע יוגנט האָט געלעבט מיט וויזיעס און חלומות וועגן אַן אייגן לאַנד, זי האָט געפיבערט מיט דער הכשרה־באַוועגונג, חלוציזם, דער פערטער עליה. יידן פאָרן קיין פּאַלעסטינע. די ציוניסטיש־געשטימטע יוגנט טריאומפירט: פונעם וואָקזאַל אין אָטוואָצק פאָרן אָפּ יידן קיין רומעניע אויף צו נעמען דאָרטן די שיף קיין פּאַלעסטינע. מען באַגלייט זיי מיטן געזאַנג פון דער „התקוה" און מיר שטעלן זיך דערביי טרערן אין די אויגן. איך בין פּשוט מקנא די ציוניסטישע יוגנט פאַר איר באַגייסטערונג און אפשר איז אויך דאָ אין מיין אונטערבאַוווסטזיין אַ געוויסער באַדויער פאַרוואָס איך קען זיך נישט געפינען אין אירע רייען און איך קען נישט מיטזינגען די התקוה הויך און שיין, ווי איך האָב געקענט. דערפאַר האָב איך געהאַט אַ געוויסע סאַטיספאַקציע שפּעטער ווען קיין אָטוואָצק זענען צוריקגעקומען יידן, וואָס זענען געפאָרן קיין פּאַלעסטינע. זייער צוריקקומען האָט מיר צוגעגעבן מוט אין מיין זיכערקייט, אַז נאָר די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע וועט לעזן דעם יידישן פּראָבלעם צוגלייך מיט די פּראָבלעמען פון אַלע פעלקער. דאָס זענען געווען מיינע אַרגומענטן אין אַלע דיסקוסיעס און איך האָב געגלייבט אין דעם באמונה שלימה.

## שלום אַש צווישן דער יידישער יוגנט אין אָטוואָצק

אָטוואָצק איז אין די זומער־חדשים געווען פאַרפּלייצט פון מאַסן מענטשן. מען איז דאָ אָהערגעקומען כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט, איבערהויפּט פון וואַרשע. יעדן פרייטיק נאָכמיטאָג האָט מען געזען פון די באַנען אויסשטייגן יידן מיט בערד און פּיאות, מיט לאַנגע טלית־קטנס, אויסגעצוואָגענע, גלייך פון דער מקוה. זיי האָבן זיך געאיילט אָנצוקומען צו די רביים פאַר ליכט־צינדן און באַווייזן אָפּצוגעבן זיי דאָס קוויטל.

אָנגעשטעלטע פון די פּענסיאָנאַטן מיט ספּעציעלע היטלען אויף די קעפּ האָבן אָפּגעוואַרט די געסט און יעדער האָט זיי געצויגן אין זיין זייט אַריין. מען האָט געזען מענער מיט פּעקלעך, מתנות, אויף די הענט, פאַר זייערע ווייבער, וואָס האָבן זיך דאָ, נעבעך, „געפּייניקט" אַ גאַנצע וואָך אַליין, בלויז מיט די דינסטן, און פאַרברענגט די צייט אין מאַכן פּליאָטקעס און רעדן לשון־הרע מיט די שכנות.

